בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ״ק מרן אדמו״ר רבן של ישראל

## רבינו **יואל טייטלבוים** זללה״ה

**אבדק״ק סאטמאר יע״א**

**וגאב״ד עיה״ק ירושלים תובב״א**

סעודה שלישית פרשת

## החודש (תזריע) תשב״ז (חלק א)

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים

• עוד שני פירושים במאמר הגמרא: אֵין התורה מִתְקַיֶּמֶת אלא במי שממית עצמו עליה • ב׳ פירושים בהגמרא ברכות: ואם לאו יזכיר לו יום המיתה • העצה הבטוחה נגד יצר הרע הוא רק על ידי עסק התורה לשמה • נועם אלימלך: אילו היה צדיק אחד שיכוון רק עבור צער השכינה כבר היה בא משיח • שמעתי מזקן אחד: הישמח משה אמר בהושענא רבה שמוכן לרדת לשאול תחתית, ובלבד שתהיה הגאולה • בתנחומא: יש חיוב לתת כל ממונו עבור ׳לימוד׳ התורה לעצמו ולבניו • וכל שכן שאין לוותר עבור ממון במה שנוגע אל ׳קיום׳ התורה • להתבונן ולזכור במה שקורא בקריאת שמע וּבְכָל נַפְשְׁךָ, אפילו נוטל את נפשך • שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים, ראשי תיבות שִׁכְחָה • החודש ניסן מסוגל תמיד לישועות • טובתן והנאתן של ישראל הוא גם כן רָצוֹן הַבּוֹרֵא • בחודש ניסן יש לצפות יותר על הגאולה שלימה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות להבנת הענין**

שנת תשפ״ג לפ״ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: 845-366-2793 #1700



**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **270** צו הערן די **רעקארדינגס.** פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→6→1127.1**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **שניאור זלמן קליין** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **נחמי׳** נ״י
בן הר״ר **יואל הכהן הערמאן** הי״ו (ב״ר חיים)

הר״ר **אלטר ברוך עקשטיין** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **אברהם** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **יעקב מנחם ערענטאהל** הי״ו

הר״ר **אברהם מאיר כ״ץ** הי״ו
לנישואי בנו החתן **משולם איסר** נ״י
עב״ג בת הרב **יצחק שלום פריעדמאן** שליט״א

הר״ר **אשר ישעי׳ בערנאטה** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **יעקב** נ״י
בן הר״ר **מרדכי לייב ווייס** הי״ו

הר״ר **ישעי׳ יעקב בירנבוים** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **שמעון יואל** נ״י
בן הר״ר **חיים לעפקאוויטש** הי״ו

הר״ר **נחמי׳ צבי וועבערמאן** הי״ו
לנישואי בנו החתן **נחום שמשון** נ״י
עב״ג ב״ר **יעקב יוסף ווייס** הי״ו

**זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די**

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

## הרה״ק רבי שלמה ב״ר דוב צבי הכהן זי״ע בעל תפארת שלמה - כ״ט אדר תרכ״ו

כ״ק האי גאון וצדיק, עמוד ההוראה, מגדולי פוסקי דורינו,
זכה לחביבות יתירה אצל רביה״ק זי״ע
רבי **יחזקאל** זצ״ל ב״ר **יצחק אייזיק** ז״ל **ראטה**
**גאב״ד קארלסבורג יצ״ו - בעל מראות יחזקאל**
נפטר כ״ג אדר תשפ״א

הרה״ח מו״מ באהבת תורה ויראת שמים, בעל מדות מעולות,
התאבק בעפר רגלי רביה״ק זי״ע ודבוק בו בכל נימי נפשו
רבי **משה אריה** ז״ל **ווייס**
ב״ר **אליעזר ליפמאן** ז״ל - נפטר כ״ט אדר תשנ״ו

הרה״ח המופלג, אהוב ומכובד על כל יודעיו ומכיריו שקד
בתורה, זהיר במצות, ובצרכי ציבור עסק באמונה
מוה״ר **יחיאל משה** ז״ל **גאדינגער**
בן הרה״ח ר׳ **מאיר** ז״ל – נפטר כ״ח אדר ב׳ תשל״ח

הרה״ח הישיש, מתלמידי רביה״ק זי״ע בעיר סאטמאר
רבי **יהודה הלוי** ב״ר חיים ז״ל **רייזמאן**
נפטר ג׳ ניסן תשע״ג
זוגתו מרת **אסתר ברכה** ע״ה ב״ר **אלי׳** ז״ל
נפטרה כ״ד אדר תשע״ב

הרה״ח הישיש המפורסם, כהן שדעתו יפה, רודף
צדקה וחסד, הסתופף בצל רבינו משחר טל ילדותו
מוה״ר **צבי אלימלך** הכהן ז״ל **כהנא**
בן הר״ר **יוסף אריה** ז״ל - נפטר כ״ו אדר תש״פ

הרה״ח עסק בתורה במתיקות, ומופלג בנועם מדותיו,
משאו ומתנו היתה באמונה ובצדק, והמשיך קבלת אבותיו
רבי **צבי בנימין פנחס** ז״ל **שטערן**
בן הרה״ח ר׳ **אברהם** ז״ל, נפטר כ״ז אדר תשס״ט

קרן חיה רייזא
לע״נ הרבנית הצדקת
חיה רייזא טייטלבוים ז״ל
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

האשה החשובה שנתרפאה
והאריכה ימים בברכת רבינו
מרת **ליבא עטיל** ע״ה
ב״ר **דוד** ז״ל - אשת הרה״ח
ר׳ **נתן דוד זילבערשטיין** ז״ל
נפטרה בת ק״ב שנים, כ״ה אדר תש״פ

האשה החשובה בעלת צדקה וחסד וטובת
לב להחיות נפשות, מאוד כבדה הוריה,
הרבתה בתפלה, וקבלה את השבת בכבוד
מרת **יכט** ע״ה ב״ר **יעקב** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **שלמה יעקב**
**שפיטצער** הי״ו - נפ׳ כ״ח אדר תשפ״א

KolSatmar.com

טז

## קושיות ודקדוקים בפרשת החודש

לאָמיר זען, מ׳האָב מיר דאָ היינט געלערנט די פרשה פון החודש.
הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

יז

### קושיא יב

להבין כפל הלשונות שבפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, דלכאורה הרישא והסיפא הכל ענין אחד כפול

יב) [ומקודם יש להבין] דאָס טאָפּלטע לשון.

- דער אור החיים הקדוש (בא יב, א) שטעלט זיך דערויף, און אַלע מפרשים. [נאָר] דער אור החיים הקדוש איז אַביסל שווער צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט דאָ אין תּירוּץ, איך וועל נישט מַאֲרִיךְ זיין. -

[דלכאורה] ער הייבט אָן [בפסוק], עפּעס צוויי מאָל די זעלבע [זאַך], הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

יח

### קושיא יג

גם להבין שינוי הלשונות, דברישא מקדים תיבת ״לָכֶם״, ובסיפא מְאַחֵר תיבת ״לכם״

יג) און נאָך איז אַ שִׁינּוּי [אינעם לָשׁוֹן].

קודם זאָגט ער הַחֹדֶשׁ הַזֶּה ׳לָכֶם׳, און דערנאָך רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

און דאָס צווייטע מאָל זאָגט ער רִאשׁוֹן, און דערנאָכדעם לָכֶם.

יט

### קושיא יד

ומה שכופל לשון ״לָכֶם״, איתא בזוהר דבא לומר לָכֶם ולא לאומות העולם

[ומה שיש לדקדק עוד, למה אמר] די צוויי מאָל ״לָכֶם״, די קַשְׁיָא לכאורה שטייט נאָך אין זוהר.

כ

דער זוהר הקדוש זאָגט[א], לָכֶם לָכֶם תרי זימני, אלא לָכֶם יַתִּיר, שנאמר (האזינו לב, ט) כִּי חֵלֶק ה׳ עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ, ולא לאומות העולם.

דער יַתִּיר איז פאַרדעם, מ׳זאָל זאָגן אַז נאָר [לָכֶם] און נישט פאַר די אומות העולם.

אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש.

כא

אמנם עדיין קשה דגם לדרשה זו היה סגי בחד ׳לכם׳, ולמה נאמר ב׳ פעמים

יד) [נאָר] לכאורה איז דאָך אַלץ נאָכנישט צו פאַרשטיין, איבערדעם זאָל איך דאַרפן האָבן צוויי מאָל לָכֶם? ס׳איז דאָך גענוג איין מאָל. [דגם בחד לָכֶם, משתמע ולא לאומות העולם[ב]. ולכן נראה לפרש עוד לדרכינו בכפל לשון ״לָכֶם״].

---

[א] בזוהר הק׳ (בא לט:): אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, ׳לָכֶם׳ תְּרֵי זִמְנֵי לָמָּה. אָמַר רַבִּי יִצְחָק, מִנַּיְיהוּ אִשְׁתְּמַע יַתִּיר, כְּמָה דִּכְתִיב כִּי חֵלֶק ה׳ עַמּוֹ. אִתְקַשְּׁרוּתָא דָּא לָכֶם, וְלָא לִשְׁאָר עַמִּין.

[ב] וכעין שדרשו כן בגמרא מגילה (ז: והובא לקמן בהערה עז) לענין מלאכת אוכל נפש ביום טוב. וכן הוא גם בגמרא ביצה (כא: כח:).

KolSatmar.com

**כב**

**קושיא טו**

ובכלל צ"ב מה צריך להשמיענו בכאן ולא לאומות העולם, והלא כל התורה נאמרה רק לישראל ולא ולאומות העולם

**טו) און דערנאָך** [גם לדרך הזוהר צ"ב] **וואָס איז ולא לאומות העולם. נו אַודאי, די גאַנצע תּוֹרָה האָט מען דאָך נאָר געגעבן פאַר אידן.**

**כג**

וגם במדרש רבה מצינו שמביא כאן הפסוק יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָר אִתָּךְ, ודורש לכם ולא לאומות העולם, וכן דורש שם על כמה מצות שנאמר בהם לָכֶם. וגם כן צ"ב מה צריך להשמיענו זאת בכאן

**דער אֱמֶת, אין מדרש שטייט אויך עפּעס כעין זה, נאָר אין מדרש זאָגט ער אַנדערש, ער זאָגט נישט** [וועגן] **צוויי מאָל לָכֶם, נאָר סְתָּם** [ממשמעות לָכֶם].

[כי על הפסוק] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם זאָגט דער מדרש רבה**[ג]**, רעכנט ער אויס אַ גאַנצן עָמוּד,** [אַז כמה מצות] **אַלדינגס האָט דער בורא כל עולמים** [געגעבן נאָר פאַר אידן]**, זאָגט ער** [הדא הוא דכתיב] **יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָר אִתָּךְ** (משלי ה, יז)**, ברענגט ער כַּמָּה פְּסוּקִים אין די תּוֹרָה וואָס ס'שטייט אַלץ לָכֶם, אַז נאָר פאַר ענק,** [און] **נישט פאַר די אוּמּוֹת הָעוֹלָם.** [עד שמסיים] **דאָס איז אויך אַזוי, רֹאשׁ חֹדֶשׁ** [איז] **לָכֶם ולא לאומות העולם. זהו שנאמר יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָר אִתָּךְ.**

**כד**

**לכאורה פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס אַזויפיל פְּסוּקִים** [למעט אומות העולם]**. מ'ווייסט דען נישט?** [והלא] **די אוּמּוֹת הָעוֹלָם האָבן נישט 'געוואָלט' מְקַבֵּל זיין די תּוֹרָה**[ד]**, און מ'האָט עס נישט 'געגעבן 'פאַר די אוּמּוֹת הָעוֹלָם, נאָר פאַר אידן.**

**דאָס ווייסט מען דאָך, בִּכְלָלִיּוּת ווייסט מען דאָך דאָס, פאַרוואָס דאַרף מען זאָגן אויף דעם** [אַז] **'לָכֶם' ולא לאומות העולם.**

**מד**

**קושיא כב**

במדרש פליאה: בשעה שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, שאלו מלאכי השרת אם כן למה צוית על אדם הראשון בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת. ענו שרפי הקודש עתיד שיצא בן מן ישי שיאמר רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ וגו'

**דער עמק המלך ברענגט דאָ אַ מדרש נפלא**[ה]**.**

---

[ג] **בשמות רבה** (טו, כג)**: דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', הדא הוא דכתיב יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ, אמר הקב"ה, איני מזהיר עכו"ם על עבודת כוכבים, אלא לכם, שנאמר** (בהר כו, א) **לֹא תַעֲשׂוּ 'לָכֶם' אֱלִילִם לא נתתי המשפט אלא לכם, שנאמר** (הושע ה, א) **שִׁמְעוּ זֹאת הַכֹּהֲנִים וְהַקְשִׁיבוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל וּבֵית הַמֶּלֶךְ הַאֲזִינוּ כִּי 'לָכֶם' הַמִּשְׁפָּט. הצדקה שלכם, שנאמר** (תצא כד, יג) **'וּלְךָ' תִּהְיֶה צְדָקָה. הרחמים שלכם, שנאמר** (ראה יג, יח) **וְנָתַן 'לְךָ' רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ. ושמיטים ויובלות שלכם, שנאמר** (בהר כה, י) **וְקִדַּשְׁתֶּם אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה, ואומר** (שם, יב) **יוֹבֵל הִיא קֹדֶשׁ תִּהְיֶה 'לָכֶם'. ולא נתתי המצות אלא לכם, שנאמר** (עקב יא, יג) **וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה 'אֶתְכֶם' הַיּוֹם. המעשרות והבכורות לכם, שנאמר** (ראה יד, כג) **וְאָכַלְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ מַעְשַׂר דְּגָנְךָ וגו'. הקרבנות לכם, שנאמר** (יתרו כ, כ) **וְזָבַחְתָּ עָלָיו אֶת עֹלֹתֶיךָ. הברכות לכם, שנאמר** (נשא ו, כד) **יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ, וכן** (בהר כה, כא) **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם. וארץ ישראל לכם, שנאמר** (שם, לח) **לָתֵת לָכֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן. ולא ארץ ישראל בלבד אלא אפילו כל הארצות סביבותיה, שנאמר** (יהושע א, ג) **כָּל מָקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף רַגְלְכֶם בּוֹ** [לָכֶם נְתַתִּיו] **וגו'. לא נתתי התורה אלא לכם, שנאמר** (משלי ד, ב) **כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי וגו'. הציצית נתתי לכם, שנאמר** (שלח טו, לט) **וְהָיָה לָכֶם לְצִיצִת. ימים טובים נתתי לכם, שנאמר** (אמור כג, ז) **מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם. יום הכפורים נתתי לכם, שנאמר** (שם, כח) **כִּי יוֹם כִּפֻּרִים הוּא** [לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם]**, לולב לכם, שנאמר** (שם, מ) **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן. סוכה לכם, שנאמר** (שם, מב) **כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל וגו'. לא נתתי אורה אלא לכם, שנאמר** (ישעי' ס, א) **קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ. לא נתתי 'רָאשֵׁי חֳדָשִׁים' אלא לכם, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם. פסח לכם, שנאמר** (בא יב, ו) **וְהָיָה לָכֶם לְמִשְׁמֶרֶת. הֱוֵי יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ.**

[ד] **כמבואר בגמרא עבודה זרה** (ב:)**, ובכמה מדרשים, מהפסוק וְזָרַח מִשֵּׂעִיר לָמוֹ הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן** (ברכה לג, ב).

KolSatmar.com

בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, שָׁאֲלוּ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת אם כן למה קָנַסְתָּ על אדם הראשון בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת (בראשית ב, יז). עָנוּ שַׂרְפֵי הַקֹּדֶשׁ, האָבן זיי געענטפערט, עתיד שיצא בן מִיִּשַׁי שיאמר (תהלים ד, ה) רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה.

כב) ס׳איז דאָך אַ פֶּלֶא דער מדרש.

# ישוב הקושיות בפרשת החודש

## סז

### ישוב קושיא יב

קען זיין דאָס טאָפּלטע לשון [שבפסוק, לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם], קען מען אפשר אויך זאָגן.

## סח

במדרש מבאר הפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, שלכן נבחר חודש ניסן לראש חדשים, לפי שבו היתה הגאולה ונעשו בו נסים לישראל. ולכן כדי שלא תימא דרק בזמן הזה הוא ראש לחדשים, לפי שבו נגאלו ממצרים, אבל לעתיד לבא יוכל להיות הגאולה בחודש אחר, ושוב לא יהיה ניסן ראש לחדשים. לכן משמיענו הכתוב בסיפא רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, שגם לעתיד לבא תהיה הגאולה בניסן, וישאר חודש זה ראש וראשון לכל החדשים

[דהנה] דער מדרש זאָגט דאָך[ו] [בביאור הפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים] אַז פאַרדעם איז דער חוֹדֶשׁ [נִיסָן] אַזוי גרויס, ווייל איך האָב געטון נִסִּים [לישראל, שבו נגאלו].

[והיה סלקא דעתך לומר, כי] לכאורה לעתיד וועט דאָך יְצִיאַת מִצְרַיִם [זיין אַ טָפֵל], ס׳איז גאָר דאָ אַ מַאן דְּאָמַר[ז] אַז מ׳וועט גאָרנישט מַזְכִּיר זיין יְצִיאַת מִצְרַיִם, [ואפילו למאן דאמר שגם לעתיד יזכירו יציאת מצרים, אָבער] על כל פנים אַז ס׳וועט זיין אַ טָפֵל, דאָס איז לְכָל הַדֵּעוֹת, וואָרן דעס [הגאולה העתידה] וועט זיין מער [נִסִּים ווי ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם].

[ואם כן] לכאורה קאָן מען דאָך מיינען אַז דאָס [הגאולה העתידה] וועט זיין אין אַן

---

[ה] וכן הובא מדרש פליאה זו בשם עמק המלך, בדמשק אליעזר (פרשת בא, אות ח), ובבנין דוד (בא, אות ד).

[ו] בשמות רבה (טו, ז): לפיכך אמר הקב״ה, הואיל ועשיתי לכם נסים בחדש הזה, אף אתם עשו אותו ראש חדש, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

ועוד שם (טו, ט): דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, משל למלך שנולד לו בן ועשה יום טוב, ונשבה אותו הבן ועשה שם זמן מרובה, אחר זמן נפדה אותו הבן, ועשה לו המלך יום גנוסיא. כך עד שלא ירדו ישראל למצרים היו מונין לשעבוד, משירדו ונשתעבדו שם עשה להם הקב״ה נסים ונפדו, התחילו מונין לחדשים, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

ועיין עוד שם (טו, יא): משבחר הקב״ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה, שבו נגאלו ישראל ממצרים, ובו עתידין ליגאל.

ועוד שם (יח, יב): משל לאשה שהיתה מצפה לבעלה שפירש למדינת הים, אמר לה יהא סימן הזה בידך, בעת שתראי אותו סימן דעי שאני בא ואני קרוב לבא. כך ישראל מצפין משעמדה אדום, אמר הקב״ה הסימן הזה יהיה בידכם, ביום שעשיתי לכם תשועה, ובאותו לילה, הֱיוּ יודעים שאני גואלכם וכו׳.

[ז] דאיתא במשנה ברכות (יב:): אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא, שנאמר (דברים טז, ג) לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ, יְמֵי חַיֶּיךָ הימים, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ הלילות. וחכמים אומרים יְמֵי חַיֶּיךָ העולם הזה, כֹּל [יְמֵי חַיֶּיךָ] להביא לימות המשיח.

ועל זה אמרו בגמרא שם: תניא אמר להם בן זומא לחכמים, וכי מזכירין יציאת מצרים לימות המשיח, והלא כבר נאמר (ירמי׳ כג, ז-ח) הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה׳ וְלֹא יֹאמְרוּ עוֹד חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ״מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם״, כִּי אִם חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹנָה וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם. אמרו לו [חכמים לבן זומא], לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו.

KolSatmar.com

אַנדערן חוֹדֶשׁ, קאָן דאָך זיין אַז ניסן וועט שוין נישט זיין קיין יִחוּס, נאָר עפּעס אַנדערש.

**סט**

אָבער דער אֱמֶת שטייט דאָך, אַז ס׳קען נישט זיין נאָר אין נִיסָן, די גאולה – שטייט דאָך אַרויס אַזוי אין די גמרא אין **ראש השנה** (יא:) – איז נאָר **בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל**.

**ע**

– איי וויאַזוי קען דאָס זיין, דעם **טורי אבן׳ס** קשיא[ח], וואָס ער פרעגט אַז יעדן טאָג [איז דאָך אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא, ולא רק בניסן, וכדמוכח גם בסוגיית גמרא עירובין (מג.)].

דאָס האָב איך שוין פאַרענטפערט, איך דאַרף נישט איבער׳חַזֶר׳ן. איך האָב שוין אַסאַך מאָל[ט] פאַרענטפערט מיט דעם [נזר הקודש], אַז הקדוש ברוך הוא – ווי דער **נזר הקודש** זאָגט[י] – ׳טראָגט איבער׳ דאָס מַזָל [של ניסן בזמן אחר, ער] ׳טראָגט איבער׳ דעם טאָג [של הגאולה שזמנו בניסן] און שטעלט אים אַהין [בזמן אחר].

דער בורא כל עולמים וועט שטעלן [דעם] **נִיסָן דעמאָלטס** [באיזה יום שתהיה הגאולה, ולכן שפיר שייך להיות הגאולה בכל יום].

נאָר היצטערט איז [דאָך טאַקע חודש] **נִיסָן**, אין ׳דער׳ צייט איז אַמאָל מער מְסוּגָּל, נִיסָן בִּמְקוֹמוֹ איז מער מְסוּגָּל [להגאולה]. וואָרן ערגעץ אַנדערש וועט דער בורא כל עולמים דאַרפן מְשַׁנֶה טִבְעוֹ זיין, און אַריבערטראָגן אַ נִיסָן אויף יענעם זְמַן.

איך האָב שוין אַסאַך מאָל גערעדט פון דעם. –

**עא**

על כל פנים שטייט דאָך אַרויס אין מדרש[י], [און] אין דברי חכמינו ז״ל [בגמרא] אויכעט, אַז די גְאוּלָה וועט נאָר זיין אין חוֹדֶשׁ נִיסָן.

**עב**

[איבערדעם] זאָגט דער פסוק.

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, וואָרן מ׳האָט דאָך געזען דאָס איז געווען אַ ראָש [לחדשים], [ווייל] ס׳איז געווען דעריין נִסִּים [ביציאת מצרים].

ווערסטו אפשר קלערן אַז די אַנדערע גאולה [דלעתיד לבא] וועט נישט זיין [בניסן, ואם כן לעתיד שוב לא יהיה חודש זה ראש לחדשים]. איבערדעם זאָגט ער נאָכאַמאָל, **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה**, צום צווייטן מאָל, **וְיִגְאָלֵנוּ אַחֲרִית כְּרֵאשִׁית** (מנוסח קדושת כתר), די

---

[ח] **בטורי אבן** (ראש השנה יא:): [ר׳ אליעזר אומר] בתשרי עתידים ליגאל וכו׳, ולרבי יהושע **בניסן עתידין ליגאל** וכו׳. וקשה לי, הא תניא בפרק ד׳ דעירובין (מג.) הריני נזיר ביום שבן דוד בא מותר לשתות יין בשבתות וימים טובים, דאין אליהו בא בערבי שבתות וערבי ימים טובים, כדמפרש התם, ואסור לשתות יין בימי החול. והשתא אמאי אסור לשתות כל ימות החול, אי לר׳ אליעזר לא יהיה אסור אלא בתשרי, ולר׳ יהושע **בניסן** לחוד.

[ט] ומהם בס״ג **בא תשי״ג, החודש תשי״ד, בא תשט״ו, החודש תשט״ו, החודש תשי״ט, אמור תשכ״ב**. ועיין זה גם **בליל ו׳ דחנוכה תשכ״ח** (ודברי יואל לחנוכה אות נו). **ובדברי יואל וירא** (עמוד שפט) **ואתחנן** (מהדו״ת עמוד קנא), ועוד.

[י] **בנזר הקודש פרשת ויחי** (על ב״ר צח, ג) האריך שם לבאר דברי הגמרא בסנהדרין (צח.) כתיב בְּעִתָּהּ (ישעי׳ ס, כב), וכתיב אֲחִישֶׁנָּה (שם). זכו אֲחִישֶׁנָּה, לא זכו בְּעִתָּהּ. דהכוונה כי זמן ביאת המשיח תלוי באיזה מזל וכוכב מסויים במערכת השמים, שהוא רגע המיוחד להגאולה, ואם יזכו ישראל יניע הקב״ה את מערכת השמים שיהיה אז אותו מזל הגורם לגאולה, ונמצא שיהיה התחלפות הזמן להקדים ולהחיש הזמן של ״בְּעִתָּהּ״, עיי״ש באריכות גדול.

KolSatmar.com

אַנדערע גְאוּלָה, ווען ס׳וועט זיין די לעצטע גְאוּלָה, איז אַחֲרִית כְּרֵאשִׁית, וועט ווידער נאָר זיין אין חוֹדֶשׁ נִיסָן.

[איבערדעם] זאָגט ער נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם.

### עג
### ישוב קושיא יג

בריישא דקאי על חודש ניסן של גאולת מצרים, שאז נקבע החודש בבית דין שלמטה על ידי משה ואהרן, לכן כתיב קודם לָכֶם, ואחר כך רֹאשׁ חֳדָשִׁים. אבל בסיפא דקאי על חודש ניסן שבגאולה העתידה, כתב רִאשׁוֹן הוּא ואחר כך לָכֶם, כי הקביעות של אותו ניסן כבר נקבע ושמור לגאולה מקודם לזה

איבערדעם דאָס ערשטע מאָל [בגאולת מצרים], ביי משה ואהרן מיט השם יתברך [שהם היו השלשה דיינים לקבוע החודש במצרים][יא], האָט מען קוֹבֵעַ געווען [בבית דין] דעם נִיסָן. [ולכן כתיב קודם ״לָכֶם״, ואחר כך רֹאשׁ חֳדָשִׁים].

[אָבער] דאָס צווייטע מאָל, [ביי] די אַנדערע גְאוּלָה [דלעתיד לבא], דער נִיסָן איז שוין שָׁמוּר [פון פריער], שטייט דאָך ער איז שָׁמוּר לִגְאוּלָה [העתידה], אַזוי זאָגט דאָך דער מדרש[יב], חודש ניסן הוּא שָׁמוּר לִגְאוּלָה. דעס איז שָׁמוּר פון פריער, דעס דאַרף מען נישט מאַכן היצטערט [אַ קביעות החודש בבית דין, שכבר נקבע מקודם בימי רב הלל הנשיא].

איבערדעם שטייט דער רִאשׁוֹן פריער, [ווייל] דעס איז שוין פון לאַנג שָׁמוּר, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם פאַר די צווייטע גאולה.

### עד

דאָס איז דער חילוק [בין הרישא לסיפא דקרא].

דאָס ערשטע מאָל זאָגט ער הַחֹדֶשׁ הַזֶּה ׳לָכֶם׳ רֹאשׁ חֳדָשִׁים, [ווייל דאָס] האָט מען דעמאָלטס געמאַכט [בבית דין שלמטה], דעמאָלטס איז עס נִקְבַּע געוואָרן דורך משה ואהרן אינאיינעם [מיט הקב״ה, וכדכתיב] וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, צוזאַמען. איבערדעם שטייט ׳קודם׳ לָכֶם, ווייל דער קְבִיעוּת הַחֹדֶשׁ איז געטון געוואָרן מיטן כֹּחַ פון אידן, דורך משה ואהרן.

אָבער לעתיד, איז עס שוין אַן אַלטער כֹּחַ [הקביעות החודש] פון פריער. איבערדעם שטייט קודם רִאשׁוֹן הוּא [ואחר כך] ״לָכֶם״.

אַזוי קאָן מען טייטשן די פְּסוּקִים[יג].

---

[יא] כמבואר בשמות רבה (טו, ב): דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה ׳לָכֶם׳ למה אמר הקב״ה למשה ולאהרן, לפי שקידוש החודש בשלשה, כשביקש הקב״ה לקדש את החודש אמר הקב״ה למשה ולאהרן אני ואתם נקדש את החודש הדא הוא דכתיב (בא יב, א) וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן.

ועיין עוד בגמרא ראש השנה (כה:): דסלקא דעתך אמינא הואיל ותניא (סנהדרין ד: ה.) דיני ממונות בשלשה ואם היה מומחה לרבים דן אפילו ביחיד, הכא נמי ניקדשיה ביחידי, קא משמע לן. ואימא הכי נמי, אין לך מומחה לרבים בישראל יותר ממשה רבינו, וקאמר ליה הקב״ה עד דאיכא אהרן בהדך, דכתיב וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם. - ועיין בתוספות שם: עד דאיכא אהרן בהדך, ואין בית דין שקול, מוסיפין עליהן עוד אחד. וסוגיא דהכא כמאן דאמר בשמעתא קמייתא דסנהדרין (ג.) דבר תורה חד נמי כשר וכו׳, מדאיצטריך ליה הכא עד דאיכא אהרן בהדך. דלמאן דבעי מדאורייתא שלשה מומחין, וכדי שלא תנעול דלת הכשירו בשלשה הדיוטות, גבי עדות החדש אין להכשיר [בחד], ואם כן לא צריך קרא.

[יב] בשמות רבה (יח, יב): מה ראה לומר לֵיל שִׁמֻּרִים (בא יב, מב), שבו עשה גאולה [וויש גורסין: גדולה] לצדיקים כשם שעשה לישראל במצרים, ובו הציל לחזקיהו, ובו הציל לחנניה וחביריו, ובו הציל לדניאל מגוב אריות, ובו משיח ואליהו מתגלין [וויש גורסין: מתגדלין] וכו׳.

[יג] ועיין בחינה זו ביתר ביאור, בדברי רבינו בס״ג החודש תשי״ד, תשי״ח, ותשכ״ב.

KolSatmar.com

**עה**

**הקדמה לישוב קושיא יב-יג (באופן שני), ולישוב קושיא יד**

מצינו בדברי חכז"ל שדרשו בתיבת "לָכֶם", לכל צרכיכם. וכן מצינו שדרשו בתיבת "לְךָ", להנאתך ולטובתך

**נאָר וואָס ס'קען נאָך זיין אין דעם "לָכֶם", עַל פִּי פְּשָׁטוּת אויך.**

[דהנה] **לעולם די גמרא זאָגט דאָך**[יד]**, ס'שטייט** [׳לָכֶם׳ ביי] **יום טוב, איז חֶצְיוֹ לַה׳ און חֶצְיוֹ ׳לָכֶם׳.**

[און] **׳לָכֶם׳** [מיינט] **להנאתכם ולטובתכם,** [וכעין מה שפרש רש"י (לך יב, א) בפסוק] **לֶךְ ׳לְךָ׳** [מֵאַרְצְךָ], **להנאתך ולטובתך.**

**יעדער ׳לָכֶם׳ דאָס ווייזט אויף** [בחינת] **יום טוב.**

[ולפי זה יתפרש כוונת הפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם"], **ס'איז אַ יוֹם טוֹב, שָׁמוּר לטובתם** [ולהנאתם].

**עו**

[והנה] **דער רמב"ם זאָגט אין סוף הלכות מלכים** (כדלקמן). (ההמשך באות פא)

**פא**

והנה בענין הגאולה כתב הרמב"ם כי החכמים לא נתאוו לימות המשיח, לא כדי שישלטו על האומות וכדומה, ולא כדי לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ, אלא כדי שיהיו פנויין לתורה וחכמתה, ולדעת את ה׳

**לאָמיר נאָר זען, אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן** (באות עו).

**דער רמב"ם זאָגט אין סוף הלכות מלכים**[טו]**, לא נתאוו החכמים לימות המשיח, נישט פאַרדעם האָבן זיי געגלוסט אויף יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ, אַז מ'זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן מֶמְשֶׁלֶת הָאֻמּוֹת, אָדער אַז מ'זאָל זיין אַ מוֹשֵׁל אויף די אומות, אָדער לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ, אָדער רעכנט ער אַנדערע זאַכן וועגן כְּבוֹדָן** [של ישראל, שינשאו אותם העמים, און] **נאָך אַזעלעכע זאַכן.**

**ניין, נישט וועגן דעם.**

**נאָר וועגן דעם, ווייל דעמאָלטס וועט זיין תִּתְרַבֶּה הַדַּעַת, ס'וועט זיין מְנוּחָה און שַׁלְוָה, וְהַמַּעֲדַנִּים יִרְבּוּ כֶּעָפָר, מ'וועט נישט האָבן קיין שׁוּם דַּאֲגָה, תִּתְרַבֶּה הַדַּעַת, און**

---

[יד] **בגמרא פסחים** (סח:)**: רבי יהושע לטעמיה דאמר שמחת יום טוב נמי מצוה היא. דתניא רבי אליעזר אומר אין לו לאדם ביום טוב, אלא או אוכל ושותה, או יושב ושונה. רבי יהושע אומר חַלְקֵהוּ, חציו לאכילה ושתיה, וחציו לבית המדרש. ואמר רבי יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו, כתוב אחד אומר** (דברים טז, ח) **עֲצֶרֶת לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, וכתוב אחד אומר** (במדבר כט, לה) **עֲצֶרֶת תִּהְיֶה ׳לָכֶם׳ רבי אליעזר סבר או כולו לה׳, או כולו לכם, ורבי יהושע סבר חַלְקֵהוּ, חֶצְיוֹ לַה׳ וְחֶצְיוֹ ׳לָכֶם׳.** [וכן הוא בגמרא ביצה (טו:)].

וכן נפסק בשלחן ערוך (או"ח תקכט, א)**: מצות יום טוב לחלקו חציו לבית המדרש, וחציו לאכילה ושתיה וכו׳.** [וע"ע במגן אברהם (רמב, א) לענין שבת].

[טו] **ברמב"ם הל׳ מלכים** (יב, ד-ה)**: לא נתאוו החכמים והנביאים לימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם, ולא כדי שֶׁיִּרְדּוּ בעכו"ם, ולא כדי שינשאו אותם העמים, ולא כדי לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ. אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא, כמו שביארנו בהלכות תשובה** (מובא להלן)**. ○ ובאותו הזמן לא יהיה שם לא רעב ולא מלחמה, ולא קנאה ותחרות, שהטובה תהיה מושפעת הרבה, וכל המעדנים מצויין כעפר, ולא יהיה עסק כל העולם אלא לדעת את ה׳ בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וְיַשִּׂיגוּ דַּעַת בּוֹרְאָם כפי כח האדם, שנאמר** (ישעי׳ יא, ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳ כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים.

וז"ל **ברמב"ם הל׳ תשובה** (ט, ב)**: ומפני זה נתאוו כל ישראל נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח, כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה ובמצות כהוגן, וימצאו להם מרגוע וירבו בחכמה, כדי שיזכו לחיי העולם הבא. לפי שבאותן הימים תרבה הדעה והחכמה והאמת שנאמר** כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳, ונאמר (ירמי׳ לא, לג) וְלֹא יְלַמְּדוּ עוֹד אִישׁ אֶת אָחִיו וְאִישׁ אֶת רֵעֵהוּ, ונאמר (יחזקאל לו, כו) וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וכו׳.

**מ'וועט וויסן, מ'וועט מַשִׂיג זיין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַלע דְּבָרִים נִסְתָּרִים,** [און] **מ'וועט מַשִׂיג זיין דעם בורא כל עולמים וועט מען מַשִׂיג זיין** [לדעת את ה' כפי כח האדם].

**'נאָר' וועגן דעם האָט מען געגלוסט** [לימות המשיח], **און נישט וועגן דעם** [שאר הדברים הנזכרים].

**אַזוי זאָגט דער רמב"ם.**

**פב**

ולכאורה מהו החסרון אם ירצו בגאולה לטובתן וכבודן של ישראל, ומה איסור יש בדבר לרצות בזה

**לכאורה דאָס איז דען שלעכטע זאַכן, מ'זאָל אַראָפּוואַרפן מֶמְשֶׁלֶת הָאֻמּוֹת.**

**פג**

[ומה שכתב הרמב"ם ולא כדי] **לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ, ווייסט מען נישט וואָס ער מיינט. מילא אַן אַנדערש מאָל** [אף בזמן הגלות] **קאָן מען אויך לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת.**

**נאָר אפשר מיינט ער** [אפילו כדי] **אַז ס'וועט זיין אַ יום טוב**[טז]**, מ'וועט זיך פרייען** [במשתה ושמחה של 'מצוה'] **אַזוי ווי יעדן יוֹם טוֹב.**

**פד**

[ועל כל פנים] **לכאורה וואָס איז דען דאָס שלעכט** [שירצו בהגאולה לטובתן של ישראל], **פאַרוואָס דען נישט?**

**פה**

וצריך לומר דבאמת אין הכוונה שיש איסור בדבר, רק שאין זה עיקר סיבת הגאולה, רק העיקר הוא מה שיתרבה הכבוד שמים, ותרבה הדעת וההשגה. והוא כעין מה שאמרו בכל התורה דלעולם יעסוק אדם אפילו שלא לשמה, אבל העיקר שמתוך שלא לשמה יזכה לבוא לידי לשמה, שהוא עיקר העבודה

[נאָר] **קען זיין ער מיינט אָבער, ווייל דער 'עִיקָר' איז דאָס,** ["והחכמים" נתכוונו לכך (וכדלהלן באות קב)]. **אָבער ער זאָגט נישט** [שיש איסור בדבר] **אַז מ'זאָל נישט קלערן וועגן דעם**[יז].

**אַזוי ווי ער זאָגט**[יח] **איבעראָל** [בכל המצות, און] **ביי תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ,** [אַז] **דער עיקר איז** [לעסוק בתורה ומצות] **לִשְׁמָהּ, נאָר ווייל ס'הייבט זיך אַזוי אָן** [עם שלא לשמה, ורק אח"כ יוכל לבא לידי לשמה (וכדלקמן באות צד)].

---

[טז] ועיין באורך **בדברי יואל לשמיני עצרת** (אות ו-ז) **בביאור המדרש** (במדבר רבה כא, כג) **שאמר הקב"ה לישראל** חייכם שאיני מחזיר מכם ימים טובים, אלא אני מוסיף לכם מועדות שתשמחו בהם. **ובדברי יואל לשמחת תורה** (אות כט) **הביא בשם הישמח משה** (פרשת ויקהל) **דלעתיד יהיה יום שכולו שבת, ויהא אסור במלאכה בכל יום.**

[יז] **וכן מובא בדברי הייטב פנים המובא להלן** (בהערה לא), **בשם התוספות יו"ט** (אבות א, ג).

[יח] **ברמב"ם** (תשובה י, ד-ה): **אמרו חכמים הראשונים** (ספרי, עקב פסקא ה ופסקא יב), **שמא תאמר הריני למד תורה בשביל שאהיה עשיר, בשביל שאקרא רבי, בשביל שאקבל שכר בעולם הבא. תלמוד לומר** (עקב יא, יג) **לאהבה את ה', כל מה שאתם עושים לא תעשו אלא מאהבה. ועוד אמרו חכמים** (עבודה זרה יט.), **במצותיו חפץ מאד** (תהלים קיב, א), **ולא בשכר מצותיו. וכן היו גדולי החכמים מְצַוִּים לנבוני תלמידיהם ומשכיליהם ביחוד, אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב וכו'** (אבות א, ג. ועבודה זרה שם), **אלא מפני שהוא הרב ראוי לשמשו, כלומר עִבְדוּ מאהבה. ○ כל העוסק בתורה כדי לקבל שכר או כדי שלא תגיע עליו פורענות, הרי זה עוסק שלא לשמה. וכל העוסק בה לא ליראה ולא לקבל שכר, אלא מפני אהבת אדון כל הארץ שצוה בה, הרי זה עוסק בה לשמה. ואמרו חכמים לעולם יעסוק אדם בתורה ואפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. לפיכך כשמלמדין את הקטנים ואת הנשים וכלל עמי הארץ, אין מלמדין אותן אלא לעבוד מיראה וכדי לקבל שכר, עד שתרבה דעתן ויתחכמו חכמה יתירה, מגלים להם רָז זה מעט מעט, ומרגילין אותן לענין זה בנחת, עד שישיגוהו וידעוהו, ויעבדוהו מאהבה.** [ועיין עוד מלשון הרמב"ם בזה, להלן בהערה לג].

**וכן בפירוש המשניות בסנהדרין** (י, א. ד"ה וכת חמישית) **האריך שם הרמב"ם בביאור ענין זה** [ודבריו שבספר היד הם כקיצור מדבריו שם], **וז"ל: שים בדעתך, כי נער קטן הביאוהו אצל הַמְלַמֵּד ללמדו תורה, וזהו הטוב הגדול**

KolSatmar.com

[ואם כן גם בענין תְּקוּת הַגְּאוּלָה, אותן שהם עדיין במדריגת שלא לשמה, יש להם לקיים מצות צפייה לישועה עכ"פ לטובתם של ישראל, עד שיזכו להגיע למדריגת לשמה (וכדלקמן באות צו, קא-קג)].

**פו**

וכמו כן בענין הַגְּאוּלָה שייך בזה כוונת שלא לשמה, דהיינו לישועתן וטובתן של ישראל.
אבל עיקר המעלה הוא לכוון לשם שמים, עבור כְּבוֹד שָׁמַיִם והרמת קרן התורה

נאָר קען זיין אַזוי.
[ווייל] דער אֱמֶת, אין יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל איז דאָך צוויי זאַכן דערינען:

**פז**

א] דאָס ערשטע איז יְשׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, אידן וועלן נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה, וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה[יט], ס'וועט זיך אויפהערן [כל הצרות ואנחות].
אידן האָבן דאָך אַזעלעכע צובראָכענע הערצער, אָן אַ שִׁיעוּר אָן אַן עֶרֶךְ. יעדער איז צובראָכן, כָּל לֵבָב דַּוָּי וְכָל רֹאשׁ לָחֳלִי[כ].
און אַז דער בורא עולם וועט העלפן מ'וועל מיר דערלעבן מָשִׁיחַ'ן, וועט דאָך אַלעס פאַרהיילט ווערן, ס'וועט זיך אויפהערן אַלע צָרוֹת יִשְׂרָאֵל.
אַלע חוֹלָאִים וועלן נִתְרַפֵּא ווערן[כא], אַזוי ווי ביי מַתַּן תּוֹרָה[כב].

---

לו לענין מה שישיג מן השלימות, אלא שהוא לְמִעוּט שָׁנָיו וחולשת שכלו אינו מבין מעלת אותו הטוב וכו', ולפיכך בהכרח יצטרך המלמד שהוא יותר שלם ממנו, שיזרז אותו על הלימוד בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שנותיו, ויאמר לו קְרָא ואתן לך אֱגוֹזִים או תְּאֵנִים ואתן לך מעט דְּבַשׁ וכו'. וכשיגדיל ויחזיק שכלו וְיֵקַל בעיניו אותו הדבר שהיה אצלו נכבד מִלְּפָנִים וכו', ויאמר לו מְלַמְּדוֹ קְרָא ואקח לך מִנְעָלִין יָפִים או בְּגָדִים חֲמוּדִים וכו', וכאשר יהיה שָׁלֵם בשכלו יותר ויתבזה בעיניו זה הדבר גם כן, ישים נפשו למה שהוא גדול מזה, ואז יאמר לו רַבּוֹ לְמֹד פרשה זו או פרק זה ואתן לך דִּינָר אֶחָד או שְׁנֵי דִּינָרִין וכו', ואותו הממון אצלו נכבד מן הלימוד, לפי שתכלית הלמוד אצלו הוא שיקח הזהב שהבטיחוהו בו, וכשיהיה דעתו גדול [יותר] ונקלה בעיניו זה השיעור וכו', ויאמר לו רַבּוֹ לְמֹד כדי שתהיה רֹאשׁ וְדַיָּן ויכבדוך בני אדם ויקומו מפניך כגון פלוני ופלוני, והוא קורא ומשתדל כדי להשיג מעלה זו ותהיה התכלית אצל מִכָּבוֹד שיכבדו אותו בני אדם וינשאוהו וישבחו אותו. ○ וכל זה מגונה, ואמנם יצטרך למיעוט שֵׂכֶל אדם, שישים תכלית החכמה דבר אחר זולתי החכמה וכו'. ועל לימוד כזה אומרים חכמים שלא לשמה, כלומר שיעשה המצות וילמוד וישתדל בתורה 'לא לאותו הדבר בעצמו', אלא בשביל דבר אחר. והזהירו החכמים על זה, ואמרו (אבות ד, ה) אַל תַּעֲשֵׂם עֲטָרָה לְהִתְגַּדֵּל בָּהֶם, וְלֹא קַרְדֹּם לַחְפּוֹר בָּהֶם. והם רומזין לְמַה שביארתי לך, שאין לָשׂוּם תכלית החכמה לא לקבל כָּבוֹד מבני אדם, ולא להרויח מָמוֹן, ולא יתעסק בתורת השי"ת להתפרנס בה, ולא תהיה אצלו תכלית לימוד החכמה אלא לדעת אותה בלבד, וכן אין תכלית האמת אלא שידע שהוא אמת, והתורה אמת, ותכלית ידיעתה לעשותה.

ועיין עוד בזה בחובת הלבבות שער הבטחון (פ"ד, ד"ה ומהם שהעם).

[יט] מלשון זמירות לשבת (סוף זמר מה ידידות) וזמירות למוצאי שבת (תחלת זמר במוצאי יום מנוחה). ומקורו מלשון הפסוק בישעי' (לה, י) שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ וְנָסוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה.

[כ] לשון הפייטן בפזמון ליום י"ג מדות. ומקורו מלשון הפסוק (ישעי' א, ה).

[כא] ועיין בגמרא נדרים (ח:) ועבודה זרה (ג: ד.) אמר רבי שמעון בן לקיש אין גיהנם לעתיד לבא, אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה ומקדיר, רשעים נידונין בה וצדיקים מתרפאין בה וכו'. צדיקים מתרפאין בה, דכתיב (מלאכי ג, כ) וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וגו'.

ועיין בגמרא סנהדרין (צא:) דבתחיית המתים עומדים במומן ומתרפאים. [ועיין בישמח משה (פרשת צו, בהפטרה) וז"ל: והנה איתא במדרש (תיקוני זוהר קטו.) על הפסוק כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי (תשא לג, כ), דאם רואה אותו וחי לעולם דהוא מקור החיים, והבן. ולכך עומדין במומן ומתרפאין, דיתגלה כבוד ה', והוא מקור השלימות, והזוכה לראות, יושלם ולא יהיה בו שום חסרון, והוא מקור הרפואות, ואם כן במה דיתן השמש בצדקה, בזה הוי מַרְפֵּא, והבן].

[כב] כמבואר בבמדבר רבה (ז, א): בשעה שיצאו ישראל ממצרים היו כל רובן בעלי מומין, למה, מפני שהיו יגעים בטיט ובלבנים, ועולים לראש הבנין, ומי שהוא בונה, על ידי שהיו עולין לראשי הדמוסין או האבן נופלת וקוטעת ידו או הקורה או הטיט נכנס בעיניו והוא נסמא, והיו בעלי מומין. כיון שבאו למדבר סיני אמר האלקים [וכי] כך הוא כבודה של תורה שאתן אותה לדור בעלי מומין, ואם אמתין עד שיעמדו אחרים, הרי אני משהא במתן תורה. מה עשה האלקים, אמר למלאכים שירדו אצל ישראל וירפאו אותן. ○ ותדע לך שכן, א"ר יהודה

KolSatmar.com

ס׳וועט זיך אויפהערן [די צרות], וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד (בחקותי כו, ו).

די אַלע נֶחָמוֹת, און די אַלע בְּרָכוֹת וואָס די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געזאָגט [בפרשת אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, וועט דאָך זיין נאָך בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ[כג].

דאָס איז איין זאַך [התלוי בישועת ישראל].

**פח**

ב] און ווידעראום אַמאָל [וועט זיין], דער עִיקָר איז, דער גרויסער כְּבוֹד שָׁמַיִם.

[ס׳וועט זיין] תִּתְרַבֶּה הַדַּעַת, יעדער וועט זיין דָּבוּק אין באַשעפער, וְלֹא יְלַמְּדוּ עוֹד אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ, אלא כּוּלָּם יֵדְעוּ אֶת ה׳ לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם (ירמי׳ לא, לג), די גרויסע יְדִיעוֹת וואָס מ׳וועט האָבן אין אֱמוּנַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, אין הַשָּׂגַת הַתּוֹרָה, נִגְלוֹת מיט נִסְתָּרוֹת.

און דער עיקר נאָך מער, דער גרויסער כְּבוֹד שָׁמַיִם, וְהָיָה ה׳ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ (זכרי׳ יד, ט), ס׳וועט זיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה.

די אַלע זאַכן, דאָס ליגט דאָך אין דעם. אַלעס איז דאָך נִכְלָל אין בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ.

**פט**

ובפרט כי מצד הטבע האנושי הוא בהכרח שמשתוקקין להגאולה
גם עבור טובת הגוף, ועכ״פ עבור טובת הכלל ישראל

[און] דער אֱמֶת, [ווען] מ׳איז מִשְׁתּוֹקֵק אויף בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, איז דאָך דער אֱמֶת אַז די ׳טֶבַע׳ אֱנוֹשִׁיּוּת [משתוקק להישועה גם עבור עניני הגוף, ועל כל לפנים עבור טובת הכלל ישראל].

**צ**

וכמבואר בנועם אלימלך, דאלמלי היה צדיק אחד שלא יכוון רק עבור צער השכינה וכבוד שמים, כבר היה בא משיח. וכבר ביארתי דבעל כרחך הכוונה על צדיק שיהיה במדריגה שלא יתכוון אפילו לטובת הכלל ישראל, כי שלא לכוון עבור טובת ׳עצמו׳ שפירו היו צדיקים שהיו במדריגה זו, וכידוע מהישמח משה. ולזה כתב שם כי אי אפשר לנו לסבול שלא לכון עבור ׳צערינו׳ כי בשר אנחנו, והיינו צער הכלל ישראל

ווי דער נועם אלימלך זאָגט אין פרשת שמות[כד].

ווען ס׳זאָל זיין אַ צַדִּיק וואָס זאָל גאָרנישט מיינען, ניטאַמאָל טוֹבַת יִשְׂרָאֵל[כה], ׳נאָר׳ דעם כְּבוֹד שָׁמַיִם, העט ער געברענגט מָשִׁיחַ׳ן.

נאָר וואָס דען, ס׳איז נישט מעגליך צו ליידן [צרותינו ומכאובינו], כִּי בָּשָׂר אֲנָחְנוּ.

---

א״ר סימון, מנין שלא היה בהן חגרין, שנאמר (יתרו יט, יז) וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר, ואין נצב אלא על רגליו. מנין שלא היה בהן גידמין, שנאמר (שם, ח. ומשפטים כד, ז) כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ נַעֲשֶׂה. ומנין שלא היה בהן חרשין, שנאמר (משפטים שם) וְנִשְׁמָע. ומנין שלא היה בהן סומין, שנאמר (יתרו כ, יד) וְכָל הָעָם רֹאִים אֶת הַקּוֹלֹת. ומנין שלא היה בהן אלמים, שנאמר (יתרו שם) ויענו כל העם. נמצאת אומר שהרי נתרפאו כולן. ואם אין אתה למד מכאן, יש לך ללמוד ממקום אחר, שנאמר (בשלח טו, כו) כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי וגו׳, הרי לך שנתרפאו. - [וכן הוא ברש״י יתרו (כ, טו) בקצרה].

[כג] כמו שכתב שם הרמב״ן (בחוקתי כו, יב).

[כד] בנועם אלימלך סוף פרשת שמות (ד״ה וישב משה): דהנה אנחנו בגלות המר הזה, אשר בצרותינו לו צר וגלה השכינה עמנו, אין לנו לדאוג ולהתאונן אלא על גלות השכינה, ולא לחשוב כלל על צרותינו כי אם על צער וגלות השכינה. ואילו היה מגמותינו וצערנו רק על צער השכינה, ולא על ׳צערינו׳, בודאי הָיִינוּ נגאלים מיד. אך כִּי בָּשָׂר אֲנָחְנוּ ובלתי אפשר לסבול לנו צרותינו ומכאובינו, לכן ארכו לנו הימים בעונינו הרבים בגלות המר, מחמת שאנו משתתפים צערינו עם צער השכינה, ואנו חוששים על צערינו. ואילו היה צדיק אחד כנ״ל, היה מציל את כל העולם כולו מן הגלות.

[כה] כאן נרמז התירוץ על מה שאמר רבינו להלן בסמוך, דדברי הנועם אלימלך הם חידוש. וכמו שמתרץ רבינו בזה בס״ג מטות מסעי תשט״ז (כמובא להלן), דכוונתו שלא יבקשו אפילו עבור טובת הכלל ישראל, שזהו למעלה מדרך הטבע, ואפילו לצדיק שהוא במדריגה שאינו מבקש עבור טובת עצמו כלל.

KolSatmar.com

**צא**

ס'איז אפילו אַ חִידוּשׁ [מה שכתב דאם היה צדיק אחד מבקש רק עבור צער השכינה היו נגאלין, דהלא הרבה צדיקים שהיו מבקשים על צער השכינה].

[ווי] איך האָב אַמאָל געזאָגט[כו] וואָס דער זיידע **זכרונו לברכה** [הישמח משה] האָט אַמאָל געזאָגט בְּפֵרוּשׁ – איך וועל נישט איבער'חַזֶר'ן – אַז ער ברויך נישט גאָרנישט [בעבור עצמו].

ס'איז ידוע, איך האָב עס געהערט פון אַ זָקֵן אֶחָד וואָס ער איז געשטאַנען דערביי[כז], – דער זיידע **זכרונו לברכה** [הייטב לב] אין **רב טוב**[כח] ברענגט עס אויכעט, – ער [הישמח משה] האָט געזאָגט אין **הושענא רבה**, אפשר מיינט מען אַז ער מיינט זיך [במה שמפציר כל כך על הגאולה, ולכן] האָט ער געזאָגט דער ישמח משה: ער איז אויף זיך מְקַבֵּל – ער באַשטייט[כט] – ער זאָל פאַרפאַלן ווערן אין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ער זאָל נישט זען קיין אוֹר מֵעוֹלָם, ער זאָל גאָרנישט זען, נאָר ס'זאָל זיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה.

ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט, נאָר ער איז מְקַבֵּל אַלעס [צו פאַרלירן].

[אלא שכבר תירצתי בזה[כו], דכוונת הנועם אלימלך הוא שלא יכוון אפילו לטובת הכלל ישראל].

**צב**

[ובאמת] ס'איז נישט צו פאַרשטיין מיטן [טבע] אֱנוֹשִׁיּוּת וויאַזוי ס'איז אַ מְצִיאוּת אַ בָּשָׂר וָדָם זאָל זיין ביי דער בְּחִינָה [שאמר הישמח משה].

---

[כו] בס"ג מטות מסעי תשט"ז. ותוכן הדברים כנדפס **בחידושי תורה תשט"ז** (עמוד תרלה-תרלו) שהקשה רבינו על דברי הנועם אלימלך, מהעובדא של הישמח משה, דעכ"פ ממעשה זו מוכח שאפשר להיות בחינה כזו לסלק הנאתו לגמרי ולא יכוון טובת עצמו כלל, ורואין שיש מציאות כזה שהצדיק יסלק את הנאתו והרגשתו לגמרי ולא יכוון רק בשביל כבוד שמים לבד [ולמה עדיין לא בא משיח].

ועל זה מתרץ רבינו שם דאפשר שיש חילוק, דלסלק הנאת 'עצמו' זה אפשר כנ"ל, אבל לסלק כל הצער של 'הכלל ישראל', וכמ"ש שם בנועם אלימלך בלשון רבים "צערינו", ולא לחשוב כלל על "צרותינו", זה אי אפשר שלא להרגיש בצערן של ישראל. ובזה הבחינה לא היה רק משה **רבינו** בלבד (כמו שביאר רבינו שם, ובס"ג מטות מסעי תשי"ג), שהוא היה יכול לסלק הרגשת 'הכלל ישראל' גם כן (וכמו שהוכיח בישמח משה פרשת כי תשא ד"ה ויחל משה, בביאור הפסוק וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן), ולכוון רק בשביל כבוד שמים בלבד. אבל צדיקים אחרים לא היה בכחם כל כך לסלק גם את **טובת הכלל ישראל** מלפני עיניהם, דכולי האי אי אפשר להפשיט עצמו מכל מין הרגשה גשמית. ואם היה צדיק אחד בדור שיהיה בבחינה זו, היה יכול להביא את הגאולה שלימה, וכמו שכתב הנועם אלימלך.

[כז] הכוונה על החסיד הישיש **ר' אברהם לעווי** ז"ל [הנקרא ר' אברהם פילפעשער], שבצעירותו זכה לשמוע כמה דרשות מהגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, ובזקנותו מסר זאת לרבינו כשהיה רבינו אברך צעיר לימים וגר בעיר סאטמאר [בשנת תרס"ד]. כן סיפר בנו ר' נפתלי לעווי ע"ה שרבינו אמר לו בפירוש שהזקן כוונתו לאביו. (מושיען של ישראל ח"ב, פרק טז).

[כח] **ברב טוב** פרשת מטות (ד"ה מסורה): על הפסוק לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה (ל, ג). ע"ד דאיתא **בבבא בתרא** דף ע"ד ששמע בת קול אוי לי שנשבעתי ועכשיו שנשבעתי מי מיפר לי, וקאמרי רבנן דהיינו שבועת הגלות וכו'. והנה המשנה **למלך** פרק ו' דנדרים הקשה איך אנו יכולים להתיר שבועות הגלות, הא נוגע אינו מתיר. וכמו כן הקשה אמה שאמרו (ברכות לב.) וַיְחַל מֹשֶׁה (תשא לב, יא) מלמד שהתיר לו נדרו [של הקב"ה שאמר וַאֲכַלֵּם], הא הוה ליה נוגע, דהשי"ת אמר לו כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל (ברכות שם), ואם אין ישראל אין גדולה [למשה]. ותירץ מורי זקני זלה"ה בישמח משה פרשת תשא, שבקש משה לסלק נגיעתו, ולזה אמר (תשא לב, לב) 'אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן', מְחֵנִי נָא. כלומר בין כך ובין כך מחני נא, ואם כן איננו נוגע, וזה שאמרו בגמרא (שם) וַיְחַל מֹשֶׁה שהתיר לו נדרו, ושמואל אמר שמסר עצמו למיתה, דא ודא אחת היא, דמשום הכי אינו נוגע ויכול להתיר, עכ"ל ודפח"ח. ○ ומזה מובן, [כי] **מי זה שרוצה להתיר לו שבועה דגלות, צריך שימסור עצמו למיתה לבל יראה בגאות ה' וגאולת ישראל, ובכל זאת רוצה שיהא הגאולה למען יתגדל ויתקדש שמו יתברך בעולמו, ואז אינו נוגע ויכול להתיר. וכאשר מורי זקני זלה"ה היה מרגלא בפומיה ברבים 'באמירות הושענות', שמוסר עצמו למיתה בשביל זה שיתגדל ויתקדש שמו הגדול ברוך הוא.**

[כט] פי' שהוא מַסְכִּים (מלשון: קען באַשטיין).

KolSatmar.com

**און ער האָט דאָך אַודאי נישט געזאָגט אַזאַ זאַך וואָס ער איז נישט געוועזן 'דערביי'**[ל].

**צג**

**על כל פנים, איז דאָך דאָס צוויי זאַכן** [התלויים בהישועה השלימה, טובתן של ישראל, והרמת כבוד שמים].

**צד**

ועל דרך זה מפרש הייטב פנים בכוונת הפסוק **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן**, על פי דברי הרמב"ם דבתחילה מחנכין הקטנים והנשים להתחיל בעבודה שלא לשמה, עד שתתרבה דעתן והשגתן להגיע לידי לשמה. ולזה אמר וּלְקַחְתֶּם 'לָכֶם', שתעסקו בתורה ומצות בבחינת לָכֶם דהיינו להנאתכם ולטובתכם, אבל עבודה זו הוא רק בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, והיינו בזמן הראשון ותחילת העבודה, אבל אחר כך צריך לבוא לידי לשמה

[והנה] **דער זיידע זכרונו לברכה זאָגט אין ייטב פנים**[לא], [בביאור הפסוק] **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן** (אמור כג, מ).

[דהנה] **דער רמב"ם זאָגט**[לב], **כְּשֶׁמְּחַנְּכִים אֶת הַקְּטַנִּים, מתחילת העבודה, זאָגט מען זיי צי** [איזה מתן שכר, ומלמדים אותם לעסוק בתורה ומצות] **פאַר שָׂכָר, פאַר שָׂכָר מיט יִרְאַת הָעוֹנֶשׁ. אָבער מ'דאַרף נישט בלייבן ביי דעם, ס'איז נאָר צו** [זיי] **געוויינען צו דער עֲבוֹדָה, אָבער שפּעטער ברויך מען צו דינען דעם אייבערשטען און ליב האָבן די תּוֹרָה וְהָאֱמֶת "בִּשְׁבִיל שֶׁהוּא אֱמֶת"**[לג]**. נישט וועגן שָׂכָר און וועגן עוֹנֶשׁ.**

**מיט דעם זאָגט ער** [בייטב פנים], **"לָכֶם" איז דאָך טייטש לַהֲנָאַתְכֶם וּלְטוֹבַתְכֶם,** [ולזה אמר הכתוב] **וּלְקַחְתֶּם 'לָכֶם', דעס וואָס איר זאָלט מיינען לָכֶם וּלְטוֹבַתְכֶם, דאָס איז נאָר בַּיּוֹם 'הָרִאשׁוֹן', די 'ערשטע' עֲבוֹדָה ברויך אַזוי זיין, אָבער שפּעטער ברויך דאָס נישט צו זיין. - אַזוי זאָגט דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב פנים.**

---

[ל] **ועיין עוד כזה בדברי רבינו בסעודת פורים תשי"ט** (לשון קדשו נה)**, ובס"ג חקת תשט"ז, ובפרט בס"ג מטות מסעי תשי"ג** (לשון קדשו כט).

[לא] **בייטב פנים לסוכות** (אות ו)**: וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן וכו'.** דלכאורה קשה איך אמר להם משה וּלְקַחְתֶּם 'לָכֶם' להנאתכם, הלא איתא במשנה (אבות א, ג) אַל תהיו כעבדים המשמשים על מנת לקבל פרס. אבל כבר כתב שם התוספות יום טוב, שאין רוצה לומר שהעבודה על מנת לקבל פרס 'אסורה', שמכל מקום 'עבודה' הוא, וכמו שאמרו (ראש השנה ד.) האומר הרי זה סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני, הרי זה צדיק גמור, ומפני כן לא נמנעה התורה השלימה להודיע השכר והעונש. אלא שאם יעבוד לתקות שכר או למניעות עונש, הוא אינו במעלה כמו העובד מאהבה שאין לו בעבודתו שום פְּנִיָּה כלל לעצמו, ורצה התנא להודיענו שנהיה מן העובדים מאהבה, עד כאן דבריו. וז"ל רבינו הגדול הרמב"ם בסוף הלכות תשובה וכו' (ויתר לשון הרמב"ם מובא לעיל בהערה יח) שמתוך שלא לשמה בא לשמה, לפיכך כשמלמדים את הקטנים והנשים וכלל עמי הארץ, אין מלמדין אותן אלא לעבוד מיראה, וכדי לקבל שכר, עד שתרבה דעתן ויעבדוהו מאהבה, עכ"ל. נמצא בתחלה כשמרגילין את האדם לעבודה, אומרים לו לעשות המצות בשביל שכר. וזה שאמר משה וּלְקַחְתֶּם לָכֶם 'להנאתכם', בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, קרא ליה רִאשׁוֹן, לרמז על יום וזמן ראשון של הכניסה לעבודה, בעוד שהשכל קטן מהכיל עבודה שלא על מנת לקבל פרס. אבל אחר זה שנתרבה דעתן, ודאי צריך שיעבוד שלא על מנת לקבל פרס, כי אם מאהבה. [וע"ע שם מה שמפרש בזה בדברי המדרש בפסוק וּלְקַחְתֶּם לָכֶם, שמביא שם הפסוק קְחוּ מוּסָרִי וְאַל כָּסֶף, ואכמ"ל].

[לב] וכדהובא לשון הרמב"ם בזה (בהל' תשובה י, ד-ה), לעיל בהערה יח.

[לג] **וכמבואר שם עוד בלשון הרמב"ם** (שם, א-ב)**:** אַל יאמר אדם הריני עושה מצות התורה ועוסק בחכמתה כדי שאקבל כל הברכות הכתובות בה, או כדי שאזכה לחיי העולם הבא וכו'. אין ראוי לעבוד את ה' על הדרך הזה, שהעובד על דרך זה הוא עובד מיראה, ואינה מעלת הנביאים, ולא מעלת החכמים, ואין עובדים ה' על דרך זה אלא עמי הארץ והנשים והקטנים, שמחנכין אותן לעבוד מיראה עד שתרבה דעתן ויעבדו מאהבה. ○ **העובד מאהבה** עוסק בתורה ובמצות והולך בנתיבות החכמה **לא מפני דבר בעולם**, ולא מפני יראת הרעה, ולא כדי לירש הטובה, **אלא עוֹשֶׂה הָאֱמֶת "מִפְּנֵי שֶׁהוּא אֱמֶת"**, וסוף הטובה לבא בגללה. **ומעלה זו היא מעלה גדולה מאד, ואין כל חכם זוכה לה.** והיא מעלת אברהם אבינו שקראו הקב"ה אוהבו, לפי שלא עבד אלא מאהבה. והיא המעלה שצונו בה הקב"ה על ידי משה, שנאמר ואהבת את ה' אלקיך, ובזמן שיאהוב אדם את ה' אהבה הראויה, מיד יעשה כל המצות מאהבה.

**צה**

**הגם דער לָכֶם ביי סוכות** [בפסוק וּלְקַחְתֶּם 'לָכֶם'], **דַרְשְׁ'ן איך דאָך אויף אַסאַך אַנדערע דרשות**[לד].

**אָבער מִקְרָא אחד יוצא לכמה טעמים** (סנהדרין לד.), **ס'איז נִכְלַל אין דעם** [גם משמעות **לָכֶם להנאתכם**][לה].

**צו**

**ישוב קושיא יב-יג (באופן שני), וישוב קושיא יד**

ובאופן זה יבואר גם הפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', דקאמר שהחודש הזה הוא מסוגל לישועת ישראל, ויש לצפות על הישועה אפילו כשעדיין אתם במדריגה של כוונת לָכֶם, לַהֲנָאַתְכֶם וּלְטוֹבַתְכֶם. כי טובתן של ישראל הוא גם כן רָצוֹן הַבּוֹרֵא ב"ה

[ועל דרך זה] **קאָן זיין אין די צוויי לָכֶם'ס וואָס ס'איז דאָ דאָ ביי הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.**

**איין לָכֶם** [היינו לכם הראשון] **קומט אויף דעם,** [דהכוונה] **לַהֲנָאַתְכֶם וּלְטוֹבַתְכֶם**[לו].

[שאמר הכתוב הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם] **'דער חוֹדֶשׁ' דאַרף מען האָפן צום באַשעפער** [על הגאולה]**, ס'איז אַ חוֹדֶשׁ הַשִּׂמְחָה,** [ומי שאינו במדריגת לִשְׁמָהּ, גם כן עליו לצפות על הגאולה, על כל פנים משום טובתן של ישראל].

**צז**

**וואָרן לְעוֹלָם איז 'דאָס אויך' אַ רָצוֹן הַבּוֹרֵא ברוך הוא,** [הנאתן וטובתן של ישראל].

[שהרי בעת] **צָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל** [איז דאָך] **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר**[לז] (ישעי' סג, ט).

**הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַליין קוקט דאָך אַרויס, אַז אידן זאָלן נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה.**

**צח**

[ומצינו כי] **דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר אברהם אבינו'ן לֶךְ 'לְךָ' מֵאַרְצְךָ** [ופירש"י] **לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ.**

---

[לד] שדרשוהו **בגמרא סוכה** (כז: מא:) ולקחתם 'לכם' משלכם, להוציא את השאול ואת הגזול. **ובשמות רבה** (טו, כג) 'לכם' ולא לאומות העולם. **ובויקרא רבה** (ל, ו) 'לכם' לכל אחד ואחד מכם. ולא מצינו שידרשו בו **לכם להנאתכם**.

[לה] ואם כן כמו כן בפסוק דידן הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', אף שלא מצינו שידרשו בו **'לכם' להנאתכם**. מכל מקום שפיר מתפרש הפסוק גם במשמעות זה, וכעין מה שפירש בייטב פנים כן בפסוק וּלְקַחְתֶּם לָכֶם.

[לו] ועיין כעין זה **בסידורו של שבת** (ח"א שורש ו, ענף ג עלה ד).

[לז] כמבואר **בשמות רבה** (ב, ה): מה התאומים הללו אם חָשַׁש אחד בראשו חבירו מרגיש, כן אמר הקב"ה כביכול (תהלים צא, טו) עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה וכו'. ואומר **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר**, אמר לו הקב"ה למשה **אי אתה מרגיש שאני שרוי בצער כשם שישראל שרוים בצער**, הוי יודע ממקום שאני מדבר עמך, מתוך הקוצים, **כביכול אני שותף בצערן**. – [וכן הוא בקצרה בגמרא תענית (טז.)].

**ובתנחומא בשלח** (סימן כח): אַתְּ מוצא, כל זמן **שישראל בנס, הנס לפניו**, שנאמר (בשלח יד, טו) וַיִּקְרָא שְׁמוֹ ה' נִסִּי. **צרה לישראל, כאילו צרה לפניו**, שנאמר **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר. שמחה לישראל, השמחה לפניו**, שנאמר (שמואל א' ב, א) כִּי שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ וכו'.

**ובתנא דבי אליהו** (פרק יח): ברוך המקום ברוך הוא שרחמיו הם מרובין על ישראל לעולם, אע"פ שסרחו במעשיהם לפני הקב"ה והקב"ה כועס עליהן, אעפ"כ רחמים שלו עליהם בכל יום תמיד, שנאמר וכו'. ואומר (ישעי' סג, ז-ט) חַסְדֵי ה' אַזְכִּיר תְּהִלֹּת ה' כְּעַל כֹּל אֲשֶׁר גְּמָלָנוּ ה' וְרַב טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר גְּמָלָם כְּרַחֲמָיו וּכְרֹב חֲסָדָיו וגו' **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר** וּמַלְאַךְ פָּנָיו הוֹשִׁיעָם בְּאַהֲבָתוֹ וגו'. ○ אין לי אלא צרת ציבור, צרת יחיד מנין, תלמוד לומר (תהלים צא, טו) יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ [עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה] וגו'. אם כן למה נאמר **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר**, אלא אמר הקב"ה, **בכל צער וצער שיש לישראל כביכול אני עמהם**, שנאמר לוֹ צָר, אל תקרי 'לו' צר, אלא 'לי' צר וכו'.

ועיין עוד **במשנה סנהדרין** (מו.): אמר רבי מאיר, בשעה שאדם מצטער, שכינה מה לשון אומרת, קַלֵּנִי מראשי קַלֵּנִי מזרועי. אם כן המקום מצטער על דמן של רשעים שנשפך, קל וחומר על דמן של צדיקים.

ער [אברהם] וואָלט אוּדאי געטון אַזוי אויכעט [ציווי ה׳, אף בלא הבטחה זו, און ווי] דער אור החיים הקדוש טייטשט דאָך אַזוי[לח] [בפסוק וַיֵּלֶךְ אַבְרָם] כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה׳ (לך יב, ד), כאָטשיג [שהובטח לֶךְ לְךָ] להנאתך, [אָבער דאָך] ער האָט נאָר געטון כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה׳.

[אָבער] פונדעסטוועגן האָט מען אים געזאָגט פריער דאָס אויך, מ׳זאָל וויסן אַז דאָס איז לַהֲנָאָתְךָ, [שידע כי רצון הקב״ה הוא בטובתו והנאתו].

צט

דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט: דער חוֹדֶשׁ איז נישט פָּשׁוּט.

ס׳איז אַ חוֹדֶשׁ הַגְּאוּלָּה.

ס׳איז אַ חוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת.

לעולם איז עס ׳אַלעמאָל׳ אַ חֹדֶשׁ מְסוּגָּל ׳בִּתְמִידִיוּת׳ [דאף בזמן הגלות מְסֻגָּל לישועות, אָבער] דער עיקר איז [אַז] ס׳איז מְסוּגָּל צו דער גְאוּלָה, ס׳איז דער חוֹדֶשׁ הַגְּאוּלָּה.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט [הַחֹדֶשׁ הַזֶּה ״לָכֶם״], דער חוֹדֶשׁ דאָס איז לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ.

דאָס איז מְסוּגָּל פאַר יעדן איד, ער זאָל נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָתוֹ.

און פאַר׳ן כְּלַל יִשְׂרָאֵל [אַז] מ׳זאָל אויסגעלייזט ווערן, מ׳זאָל האָבן די רעכטע יְשׁוּעָה, די יְמֵי הַשִּׂמְחָה.

דאָס איז ׳דער׳ לָכֶם.

ק

ושוב אמר הכתוב ׳רִאשׁוֹן׳ הוּא ׳לָכֶם׳, דבחינה זו של כוונת לָכֶם הוא רק בתחילת העבודה, דהיינו עתה בזמן הגלות שאנו רחוקים עדיין ממדריגה הנעלה, אבל אחר שיזכו להגאולה שלימה ומלאה הארץ דיעה את ה׳, לא ישתמשו עוד בבחינה זו, רק יזכו כל ישראל לעלות למדריגת לִשְׁמָהּ, ולשמוח רק בהכבוד שמים וגדולת שם ה׳

איבערדעם זאָגט ער [אָבער, בסיפא דקרא] ׳רִאשׁוֹן׳ הוּא ׳לָכֶם׳, ווייל דאָס דאַרף נאָר זיין אין אָנהייב. אָבער דער עיקר ברויך מען צוקומען צו דער בְּחִינָה וואָס דער רמב״ם זאָגט, מ׳זאָל דאָס אויך נישט מיינען, [נאָר] מ׳זאָל מיינען דעם חוֹדֶשׁ הַגְּאוּלָּה אויף דעם גרויסן כְּבוֹד שָׁמַיִם [שיתרבה בעת הגאולה], און די גרויסע הַשְׁפָּעַת הַדַּעַת, דעם דַּעַת אֱמֶת וואָס אַ איד דאַרף צו האָבן צו די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, און צו עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם ברוך הוא[לט].

קא

אָבער אף על פי כן, [וווען מ׳איז] אין תּוֹקֶף הַגָּלוּת איז מען דאָך נישט דערביי, קען מען שווער זיין דערביי, [כי] בעוונינו הרבים מ׳איז דאָך זייער נִתְרַחֵק [ממדריגת צדיקים העובדים באמת לִשְׁמָהּ].

---

[לח] באור החיים הק׳ (לך יב, ד): וַיֵּלֶךְ אַבְרָם [כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה׳] וגו׳. כל הכתוב מיותר, שהרי אומר בסמוך בסדר הודעת ההליכה וכו׳. אכן כוונת הכתוב היא וכו׳. ○ עוד ירצה, להיות שאמר לו ה׳ הבטחות תועליות הרבה כשילך לו מארצו וכו׳, אם כן הגם שילך, יסבור הרואה כי אין להחזיק לו טובה על זה, שאפילו קל שבקלים כשיראה כל התועליות ימהר ליסע, לזה הודיע הכתוב צדקתו של אברהם, כי מה שהלך לא לצד ההבטחות האמורות, אלא לעשות דְבַר ה׳. ○ ודקדק לומר כַּאֲשֶׁר ׳דִּבֶּר׳, ולא כַּאֲשֶׁר ׳אָמַר׳, כמו שהתחיל בתחילת הפרשה וַיֹּאמֶר ה׳, לְאַמֵּת כדברינו. והוא [כי] יש לך לדעת כי כל מקום שיאמר הכתוב דיבור, יגיד על דבר קשה, והאמירה היא רכה, וכאן הזכיר בתחילת הפרשה וַיֹּאמֶר ה׳, לצד שכל הדבר הוא להנאת אברהם, ובמעשה אברהם אמר כַּאֲשֶׁר ׳דִּבֶּר׳, פירוש שעשה הדבר לצד גזירת מלך עליו, ולא לתועלת הנמשך לו.

[לט] ועיין בסידור השל״ה (ברכת אהבה רבה) בביאור הבקשה נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתֶךָ: להשלים זה התיקון שהיא הישועה שאנו מקוים, שיגיע הזמן שנאמר בו כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳, ויהיה סיפק בידינו להשלים הכוונה שבעבורה בראנו. וְאָמְרֵנוּ ׳בִּישׁוּעָתֶךָ׳, כטעם הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבוֹא לָךְ צַדִּיק ׳וְנוֹשָׁע׳ (זכרי׳ ט, ט), וככבר ביארנו סודו.

**אָבער דאָס אַליין, דאָס** [עצם] **הִשְׁתּוֹקְקוּת צו דער יְשׁוּעָה, צִפִּיתָ לִישׁוּעָה, דאָס אַליין, אפילו וועגן דעם** [הוא חשוב מאוד][מ].

### קב

**כאָטשיג דער רמב"ם זאָגט לֹא נִתְאַוּוּ הַחֲכָמִים** [לזה, אבל הכוונה בדבריו כי] **די עכטע 'חֲכָמִים' האָבן טאַקע נישט** [נתאוו לזה, ווייל] **זיי זענען געווען דערביי** [במדריגת 'לשמה'].

**אָבער** [פאַר] **סְתָּם בְּנֵי אָדָם איז 'דאָס' אויך גוט, מ'זאָל מִשְׁתּוֹקֵק זיין** [להגאולה כאטש] **וועגן דעם, וועגן דער 'אֱמוּנָה' אַז דעמאָלטס וועט זיין כָּל מִינֵי יְשׁוּעוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת.**

### קג

**אָבער שפּעטער ווען מ'וועט שוין זוֹכֶה זיין מ'וועט דערלעבן מָשִׁיחַ'ן, וועט זיין די גרויסע הַשְׁפָּעַת הַדֵּעַת,** [ווען] **ס'וועט קומען משה רבינו, משה ואהרן און דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, מיטן גאַנצן דוֹר הַמִּדְבָּר, די גרויסע הַשְׁפָּעָה אֱלֹקִית וואָס ס'וועט זיין,** [וממילא] **'דערנאָך' וועט יעדער זיין דערביי, וועט 'דאָס' שוין גאָרנישט זיין קיין חֶשְׁבּוֹן** [עניני הנאתכם וטובתכם]**, מ'וועט זיך גאָרנישט פרייען** [עם ישועות הגשמיות, נאָר] **מ'וועט זיך פרייען דער עיקר מיט יְשׁוּעַת צִיּוֹן**[מא] **נאָר, נישט מיט דעם.**

### קד

**[הקדמה לישוב קושיא טו]**

**בביאור הפסוק: אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם וגו' הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים**

**איך האָב געקלערט**[מב]**, דאָס איז דער פְּשַׁט אפשר אין פסוק** (תהלים קכו, א-ג)**, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה, אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה, הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים.**

---

[מ] כמבואר בגמרא שבת (לא.) כי צִפִּיתָ לִישׁוּעָה הוא אחד מהשאלות ששואלין את האדם ליום הדין.

ועיין עוד בגמרא סנהדרין (צז:): תיפח עצמן של מחשבי קיצין וכו', שנאמר (חבקוק ב, ג) **אִם יִתְמַהְמַהּ חַכֵּה לוֹ**. שמא תאמר אנו מחכין והוא אינו מחכה, תלמוד לומר (ישעי' ל, יח) **לָכֵן יְחַכֶּה ה' לַחֲנַנְכֶם וְלָכֵן יָרוּם לְרַחֶמְכֶם**. וכי מאחר שאנו מחכים והוא מחכה, מי מעכב, מדת הדין מעכבת. וכי מאחר שמדת הדין מעכבת, **אנו למה מחכין, לקבל שכר**, שנאמר (שם) **אַשְׁרֵי כָּל חוֹכֵי לוֹ**.

**ובילקוט שמעוני** (צפני' רמז תקסז): אמר הקב"ה, שבועה היא לְפָנַי, **שכל מי שיחכה למלכותי אני בעצמי מעיד בו לטובה**, שנאמר (צפני' ג, ח) **לָכֵן חַכּוּ לִי נְאֻם ה' לְיוֹם קוּמִי לְעַד**, אלו אבלי ציון שהשפילו את רוחם ושמעו את חרפתם ושתקו ולא החזיקו טובה לעצמם.

[מא] וכדכתיב בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן, כמובא להלן בסמוך. דהכוונה על חזרת השראת השכינה הקדושה ויחוד השלם, כמבואר במקובלים בסוד ברכת הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן, ועוד בכ"מ. - ועיין **בזוהר הק'** (ח"ג רסו:): **וּבָאוּ הָאוֹבְדִים** [בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר] (ישעי' כז, יג), מַאן אִינּוּן, אִלֵּין צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, דְּאִקְרוּן אוֹבְדִים. מְנָלָן, כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, דִּכְתִיב (ירמי' ט, ??) עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ וכו', דָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל. צַדִּיק, דִּכְתִיב, (ישעי' נז, ??) הַצַּדִּיק אָבָד וכו'. וְאִי תֵּימָא וּבָאוּ, מֵאָן אֲתָר אַתְיָין אִלֵּין אוֹבְדִים, אֶלָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מִן גָּלוּתָא. צַדִּיק, כְּמָה דְּאוֹקְמוּהָ, דִּכְתִיב **בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן**, בְּגִין דְּיֵיתוּב לְאַתְרֵיהּ, וְיֵיתֵי לְאִתְחַבְּרָא בִּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל. וְעַל דָּא וּבָאוּ הָאוֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר, וְהִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלַיִם. מַאי קָא מַיְירֵי, אֶלָּא מִלָּה דָּא דְּהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, כִּבְיָכוֹל, יִשְׂרָאֵל לָא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא אֶלָּא בִּשְׁכִינְתָּא, כְּמָה דְּאוֹקְמוּהָ, וְאִינּוּן נִדָּחִים הִשְׁתַּחֲווּ לַה'.

[מב] ולפלא שכעין זה פירש גם הישמח משה בתהלים **תפלה למשה** (מזמור קכו) וז"ל: בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן וגו'. הקושיות ידועים. ונראה לי כי כבר כתבתי בדרוש ערב ראש השנה, כי בהתמלא הַשֵּׁם וישוב על מכונו, אז בד' אתוון יקבץ נדחין מד' רוחין דעלמא. והנה הדעת נותן כי אז וּמָלְאָה 'הָאָרֶץ' דֵּעָה, היינו ישראל, שנאמר (מלאכי ג, יב) כִּי תִהְיוּ אַתֶּם אֶרֶץ חֵפֶץ וגו'. ויהיה כל כך רוח חכמה ובינה ודעת בכל אחד מישראל, עד שיכירו וידעו גדולות ה' [והכבוד שמים] עד היכן מגיע, עד שיהיה הישועות וכל הנפלאות הנעשה להם, כאין וכאפס המוחלט נגד זה שנתמלא השם, ורק על זה יודו וישבחו ויפארו, וידעו [כי] אילו כל הימים דְּיוֹ וכו' ואילו פינו מלא שירה כים אין אנו מספיקין להודות על זה, ואין פנאי להודות על זולת זה, והכל כאין נגד זה. ○ והיינו **בְּשׁוּב ה'** דייקא,

קה

בלשון הפסוק משמע בפשטות, כי אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם לתמוה על הישועה אשר הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִם יִשְׂרָאֵל, ויאמרו כי אלמלי הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ, הָיִינוּ שְׂמֵחִים, וכאילו שמתמיהים על שאין ישראל שמחים בזה. ועל זה קשה דהלא בודאי יהיו ישראל שמחים בגאולה העתידה, וכמו שהתחיל הפסוק ואמר אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ

לכאורה וואָס זאָגט ער דאָ, ער זאָגט דאָך אין פסוק אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, אונז וועל מיר זיך אויך פרייען, [און] די אומות וועלן זאָגן הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים, מ׳העט מיר געווען פריילִיך [דמשמע שהם מתמיהים על ישראל שאינם עושין כן].

נו אידן זענען דאָך אויך פריילִיך, [וכמו שאמר] אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.

קו

אבל נראה כוונת הפסוק: בְּשׁוּב ה׳ אֶת ׳שִׁיבַת צִיּוֹן׳, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ על שיבת ציון והכבוד שמים, ולא על טובתינו. ועל זה יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם ויתמהו, הלא הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת ׳עִם אֵלֶּה׳, שעשה עם ישראל עצמן גדולות כאלה, ולמה הם אינם שמחים על גדולת עצמן. ואלמלי הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ, שהיו להגוים ישועות וגדולות כאלה, ׳הָיִינוּ׳ שְׂמֵחִים על גדולה שלנו

נאָר דאָס איז דער פְּשַׁט.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב ה׳ אֶת ׳שִׁיבַת צִיּוֹן׳, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, מ׳וועט זיין פריילִיך מיט שִׁיבַת צִיּוֹן[מג], נישט מיט דער אייגענער [ישועה].

און די אומות הָעוֹלָם וועלן זאָגן, הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת ׳עִם אֵלֶּה׳, איך הער גאָרנישט זיי זאָלן זיך פרייען אויף וואָס מ׳האָט מיט זיי אַליין געטון זייער גרויס, מ׳האָט דאָך זיי גרויס געמאַכט, מ׳האָט [פאַר] זיי אַליין געטון אַזויפיל טוֹבוֹת, [ואלמלי] הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת ׳עִמָּנוּ׳, ווען ס׳העט פאַר ׳אונז׳ אַזוי געווען, ׳הָיִינוּ׳ שְׂמֵחִים, העט מען זיך געפרייט מיט ׳אונזערע׳ טוֹבוֹת, מיט ׳אונזערע׳ יְשׁוּעוֹת. מ׳העט מיר זיך נישט געפרייט מיט שִׁיבַת צִיּוֹן, ווען ס׳זאָל ביי ׳אונז׳ געשען.

וועלן זיי זיך וואונדערן [דערויף]. וואָרן אידן וועלן זיין ביי ׳דער בְּחִינָה׳ אַז מ׳וועט דאָס אויך [מער] נישט מיינען, טאַקע נאָר, נאָר נאָר מ׳וועט זיך פרייען מיט שִׁיבַת צִיּוֹן.

קז

אָבער דער אֱמֶת איז, ווילאַנג מ׳האַלט נישט דערביי, [דבתוקף הגלות איז] שווער אַז מ׳קאָן זיין דערביי, [דרק לעתיד יזכו כל ישראל למדריגה זו] אָבער איידער ׳פאַר׳ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ בעוונינו הרבים [ווען] מ׳איז אַזוי נִתְגַּשֵּׁם, אֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ, ס׳איז נישטאָ ווער [זאָל אויפהייבן לבבות ישראל, וכמו שאמרו חכז״ל (סוטה מט) על דור הזה כי] אֵין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים, דעס גרויסע שִׁפְלוּת מיט דעם גרויסן נידעריגקייט, מיט דעם חוּלְשַׁת הַהַשָּׂגָה.

[איז] על כל פנים ביז דערווייל דאַרף מען וויסן כאָטש [אַזויפיל, להשתוקק על הגאולה בכל אופן ואופן, אפילו ווייל] ס׳איז ׳לָכֶם׳, לַהֲנָאַתְכֶם וּלְטוֹבַתְכֶם, ס׳איז פאַר ׳ענק׳, פאַר׳ן כְּלַל יִשְׂרָאֵל איז עס אַ חוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת.

---

אל מכונו. אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים, כפירוש רש״י שיהיה הגלות נדמה כאילו לא היה רק חלום, דהיינו לענין זה שלא נזכיר כלל מגאולת הגלות, כאילו לא היה כלל גלות באמת רק חלום בעלמא. אָז יִמָּלֵא, רצ״ל מה שימלא השם, הנזכר לעיל, זה יהיה אז שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה, שרק בזה נשמח, ורק על זה נהלל ונשבח ונפאר ונהדר, והכל מטעם האמור. ○ והאומות שלא יהיה בהם חכמה ובינה כל כך, ולא יבינו זה, יתמהו מאוד על בני ישראל שאינן משבחין על ׳ישועתן׳ כלל. והיינו אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה ישועות גדולות כאלה, ואינם זוכרין בשמחתן מזה, כאילו אינם שמחים בזה כלל. הִגְדִּיל ה׳ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים, והבן זה כי נכון הוא בס״ד.

[מג] וכמבואר לעיל בהערה מא.

KolSatmar.com

**קח**

[אונ] **מ'האָף מיר,** [אַז] **דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל זיך מְרַחֵם זיין מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו דערלעבן** [די ישועה, אונ] **ס'איז אַ מְצִיאוּת** [אַז] **נאָך אין 'דעם' נִיסָן זאָל זיין די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה, מ'זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן מ'זאָל מיר דאָס דערלעבן צו זען, מ'זאָל מיר זיין פון די געהאָלפענע, צו זיין פונעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל וואָס זיי וועלן דאָס דערלעבן, וואָס זיי וועלן זוֹכֶה זיין דאָס צו זען.**

**הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם מ'זאָל מיר זיין פון די,** [אונ] **ס'זאָל נאָך זיין אין דעם נִיסָן.**

**קט**

**[ישוב קושיא טו]**

[והיוצא מזה כי מדריגה זו שיזכו להגיע למדריגת לשמה, על כל פנים לעתיד לבוא, זה שייך רק בבני ישראל שהם יזכו לזה, אבל **לא** באומות העולם. וכמו שפירשנו בהפסוקים אלו, כי האומות יתמהו לעתיד על מדריגתם של ישראל בזה.

וממילא מיושב בזה (קושיא טו) דלכן משמיענו בכאן הכתוב "**לָכֶם**" ולא לאומות העולם, דהכוונה כי מה שמבואר בזה הפסוק כי רק בתחילה יש לכוון לטובת הכלל ישראל, או אפילו לטובת עצמם, אבל כוונה זו הוא רק בבחינת 'רִאשׁוֹן' הוא, אבל לעתיד יזכו כל ישראל לכוון רק עבור כְּבוֹד שָׁמַיִם. מדריגה זו יהיה גם לעתיד לבוא רק לכם, שאתם חלק ה' עמו, ולא לאומות העולם].

**קי**

**הקדמה ארוכה לישוב קושיא כב**

## ביאור המדרש רבה בראשית: בענין גזירת מיתה, כדי שלא יעשו שלא לשמה

(עד אחר אות קסד)

**וועל מיר צוקומען דאָ צו דעם מדרש** [פליאה] (שבקושיא כב).

**קיא**

במדרש: רבי חמא בר חנינא אמר, צפה הקב"ה שיהיו רשעים, ולפיכך נקנסה גזירת מיתה לאדם. והקשה לו רבי יונתן אם כן הרשעים ימותו והצדיקים יחיו, ומתרץ שלא יהו הרשעים אומרים כלום הצדיקים חיים אלא שהן מסגלין מצות ומעשים טובים, אף אנו נְסַגֵּל מצות ומעשים טובים, ונמצאת עשייתן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ

[ונקדים דהנה] **ס'שטייט אין מדרש רבה, פרשת בראשית פרשה ט'**[מד]**. מפני מה נקנס מיתה על אדם הראשון,** [ומתרץ] **ווייל דער בורא כל עולמים האָט געזען ס'וועט זיין אַסאַך רְשָׁעִים, האָט נישט געטויגט** [שיחיו הרשעים לעולם].

**אם כן, פרעגט דער מדרש ווייטער, הָרְשָׁעִים יָמוּתוּ וְצַדִּיקִים יִחְיוּ.**

**זאָגט דער מדרש, אם כן אַז ס'וועט זיין אַזוי אַז רשעים ימותו וצדיקים יחיו, וועט דאָך יעדערער זיין אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, כדי ער זאָל לעבן, וואָרן ער וועט דאָך זען** [אַז] **אַנדערש קאָן ער נישט לעבן, יענע זענען דאָך יָמוּתוּ, און די לעבן, ונמצא עשייתן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

**אַזוי שטייט אין מדרש**[מה]**.**

---

[מד] בבראשית רבה (ט, ה): רבי חמא בר חנינא אמר, ראוי היה אדם הראשון שלא לטעום טעם מיתה, ולמה נקנסה בו מיתה. אלא צפה הקב"ה שנבוכדנצר וחירם מלך צור עתידין לעשות עצמן אלהות, ולפיכך נקנסה בו מיתה. הדא הוא דכתיב (יחזקאל כח, יג) בְּעֵדֶן גַּן אֱלֹקִים הָיִיתָ, וכי בגן עדן היה חירם, אתמהא, אלא אמר לו אתה הוא שגרמת לאותו שבעדן שימות. רבי חייא בר ברתיה דר' ברכיה משום רבי ברכיה, אַתְּ כְּרוּב מִמְשַׁח (שם, יד), אתה הוא שגרמת לאותו כרוב שימות. ○ אמר לו רבי יונתן, אם כן יגזור מיתה על הרשעים, ואל יגזור מיתה על הצדיקים. אלא שלא יהו הרשעים עושים תשובה של רמיות, ושלא יהו הרשעים אומרים כלום הצדיקים חיים אלא שהן מסגלין מצות ומעשים טובים, אף אנו נסגל מצות ומעשים טובים. נמצאת עשיה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.

KolSatmar.com

### קיב
### קושיית היפה תואר ונזר הקודש – במדרש רבה בראשית

לכאורה קשה מהו החסרון אם יהא נמצא עשייתן שלא לשמה, והלא אמרו דלעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה

[און] **ער איז מַאֲרִיךְ דערין דער יפה תואר**[מו]**, מיטן נזר הקודש**[מז]**, ביידע.**

[דלכאורה] **וואָס הייסט** [דנמצא עשייתן] **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

**נו וואָס איז** [דען שלעכט, והלא אמרו (פסחים נ: ועוד) לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, כי] **מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ, מ׳מעג דאָך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אויכעט,** [ואם כן] **מַאי כָּל הָרַעַשׁ הַזֶּה** [אם תהא נמצא עשייתן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ]**.**

### קיג
### תירוץ היפה תואר ונזר הקודש

ותירצו ביפה תואר ונזר הקודש, כי לא התירו שלא לשמה, אלא בשביל שמתוך שלא לשמה יבוא לבסוף לידי לשמה. אבל באם הצדיקים היו חיים והרשעים מתים, היה השלא לשמה ניכר לעין ומורגש כל כך, עד שלעולם לא היו באים לידי לשמה, ובאופן כזה באמת אסור לעשות שלא לשמה

**זענען זיי מַאֲרִיךְ דערין, און תַּמְצִית דִּבְרֵיהֶם זעט אויס,** [ווייל] **דעס וואָס מ׳מעג שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, איז נאָר ווייל מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.**

[און] **דאָס איז רעכט** [בענין] **דער שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** [פון היינט] **וואָס ס׳איז נישט אַזוי ׳פאַר די אויגן׳, ס׳איז נישט אַזוי נִיכָּר** [ומוחש לעין, וממילא] **ס׳איז נישט אַזוי בְּתְמִידִיּוּת, קאָן מען גרינגער צוקומען מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.**

**אָבער אַ זאַך וואָס ס׳איז** [אָפּען] **׳פאַר די אויגן׳, אַז רְשָׁעִים זענען יָמוּתוּ און**

---

[מה] וקרוב לזה איתא בקצרה **בגמרא שבת** (נה:) עיי״ש..

[מו] **ביפה תואר** (על הב״ר שם)**: נמצאת עשייתה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וכו׳.** אבל קשה מדגרסינן בפרק מקום שנהגו (פסחים נ:) אמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, שמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ. ואם כן מאי קאמר שנמצאת עשייתה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, דכיון דמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ. ואע״ג דבפרק היה קורא (ברכות יז.) אמר כל העושים שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ נוח להם שלא נבראו, ובפרק קמא דתענית (ז.) אמרינן כל העוסק בתורה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ נעשית לו סם המות. כבר תירצו התוספות (שם) דתרי שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ הוו, דמה שאמרו לעולם יעסוק וכו׳ היינו כדי שיקרא רבי או שיכבדוהו, שאין כוונתו רעה, אבל התם איירי במי שלומד לקנתר. ואי אפשר לומר דפליגי, דהא רב גופיה הוא דקאמר להא דכל העושים וכו׳. וכולי עלמא נמי משמע דמודו בהא דלעולם יעסוק וכו׳, מדפרכינן מינה בנזיר פרק מי שאמר (כג:) ארב נחמן דאמר גדולה עבירה לִשְׁמָהּ ממצוה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ. ○ ויש לומר דמה שאמרו דמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ, לא שיבא ודאי, אלא דזימנין שיבא לִשְׁמָהּ, אבל זימנין נמי דלא אתי לִשְׁמָהּ, ולכן לא רצה ה׳ שתהיה עשייתה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, משום דאיכא רשעים שתמיד תהיה עשייתן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ. ○ ועוד יש לומר דשאני האי שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ דלא אתי למעבד לִשְׁמָהּ כלל, דבההוא שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ דשכיח השתא, כגון שיקרא רבי או להשיג שכר מה׳, שאין התועלת נראה לעין, בוודאי כיון דעביד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אתי למעבד נמי לִשְׁמָהּ. אבל אילו היו הצדיקים חיים והרשעים מתים, שהיה השכר ברור ומוחש, ודאי היו עושים תמיד בשביל לחיות, ולא יעשו לעולם לִשְׁמָהּ. ○ וכן תשובה של רמיות וכו׳ לא רצה השי״ת בה, דאע״ג דתשובה מפני העונש מועילה לפעמים, כענין אחאב וקין, שאני הכא שהשכר ברור, ואין להחזיק עליה טובה כלל. [ועיי״ש עוד באורך].

[מז] **בנזר הקודש** (על הב״ר שם)**: ונמצא עשייתם שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.** כלומר ומצוה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אינו כלים, כדאמרינן (ברכות ח.) כל העוסק בתורה ומצות שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ נוח לו שלא נברא. ומיהו בפרק מקום שנהגו (פסחים נ:) גרסינן לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אע״פ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, שמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ וכו׳. נראה דמעיקרא לא קשה מידי, דאדרבא מדאמרינן לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ שמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בא לִשְׁמָהּ, מוכח דאילו מעולם לא בא לִשְׁמָהּ כלל לא חשיב מידי המצוה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וכו׳. אלא דמכל מקום מתחלה יעסוק בתורה ומצות אף שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, שמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ קרוב לו לבא לִשְׁמָהּ, כדאמרינן (אבות ד, ב) שכר מצוה מצוה. אבל במי שלעולם אינו בא לִשְׁמָהּ, ודאי נוח לו שלא נברא. והיינו דאמרינן הכא שהצדיקים מתים עבור הרשעים שלא יסגלו במצות ומעשים טובים כדי להתקיים בחיים ונמצא עשייתם שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, כלומר שתמיד תהיה עשייתן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, בהיות השכר ברור במוחש לעין כל, ואז נוח להם שלא נבראו כאמור. [ועיי״ש עוד באורך].

KolSatmar.com

צַדִּיקִים זענען חַיִּים, אַז מ׳האָט [עס] אַזוי פּאַר די אויגן, איז דער שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ איז כְּסֵדֶר, וועט מען קיינמאָל נישט צוקומען צום לִשְׁמָהּ. און אַז מ׳קומט קיינמאָל נישט צי צום לִשְׁמָהּ, איז טאַקע אָסוּר.

**קיד**

אַזוי דאָס איז דער תַּמְצִית [דבריהם].

זיי זאָגן בַּאֲרִיכוּת דאָרטן [יעדער] מיט אַנדערע לְשׁוֹנוֹת, מיט אַנדערע הֶסְבֵּרִים, אָבער דאָס איז דער תַּמְצִית דִּבְרֵיהֶם, אַזוי ווי מ׳קוקט אַריין.

**קטו**

**הקדמה לישוב קושיית היפ״ת ונזה״ק – לדרכינו**

(עד אחר אות קנז)

ונראה להוסיף עוד ביאור בזה, למה רק עתה באופן שיש גזירת מיתה, הוא שהותר לעשות שלא לשמה, מה שאם כן באם הצדיקים לא היו מתים

נאָר איך מיין [כ׳וועל] נאָך צוגעבן צו דעם עפּעס אַ הֶסְבֵּר, אַז די קַשְׁיָא איז נישט קָשֶׁה.

**קטז**

[והוא בהקדם וואָס] איך וועל דאָ איבער׳חַזֶר׳ן וואָס איך האָב געזאָגט יענע וואָך[מח] [בביאור הגמרא דהתורה מתקיימת רק במי שממית עצמו עליה], וואָס איך וועל עס [יעצט] זאָגן אַביסל מער בְּתוֹסֶפֶת בִּיאוּר, [לויט] וואָס ס׳איז נִצְרָךְ לְעִנְיָנֵינוּ עַכְשָׁיו. (ההמשך, באות קכ)

**קיז**

## ביאור הגמרא ברכות: ואם לאו יזכיר לו יום המיתה

(עד אחר אות קמה)

והוא בשנקדים לבאר הגמרא: אם נצחו ליצר הרע מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, ואם לאו יקרא קריאת שמע, ואם לאו יזכיר לו יום המיתה

קודם וועל איך זאָגן [לדקדק ולבאר] די גמרא [דמסכת ברכות].

די גמרא זאָגט (ברכות ה.), לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע[מט], שנאמר (תהלים ד, ה) רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ. [אם נִצְּחוֹ מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, שנאמר אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם. אם] נִצְּחוֹ מוטב, ואם לַאו יִקְרָא קְרִיאַת שְׁמַע, שנאמר עַל מִשְׁכַּבְכֶם. [אם נִצְּחוֹ מוטב], ואם לַאו יזכיר לו יוֹם הַמִּיתָה, שנאמר וְדֹמּוּ סֶלָה[נ].

**קיח**

**קושיא א – בגמרא דברכות**

והקשו במפרשים וביערות דבש, דאם העצה של הזכרת יום המיתה הוא עצה בטוחה, אם כן למה לא יתחילו מיד בעצה זו

פרעגן דאָך שוין אַלע מפרשים, [און] דער יערות דבש[נא] איז מַאֲרִיךְ אין דעם. ער רעכנט אויס אַלעס, און אַז נישט איז [הזכרת] יום המיתה, [ונמצא כי] חלילה דער יום המיתה איז דאָס קראַנטסטע [עצה]. נו זאָל ער אָנהייבן תיכף ביים יום המיתה, [אַז]

---

[מח] בס״ג שמיני פרה תשכ״ז (לשון קדשו רסט ח״א), עיי״ש באורך.

[מט] פירש רש״י: ירגיז יצר טוב, שיעשה מלחמה עם יצר הרע.

[נ] פירש רש״י: וְדֹמּוּ סֶלָה. יום הדומיה, הוא יום המות שהוא דומיה עולמית.

[נא] ביערות דבש (ח״א דרוש א): וכבר תמהו למה זה יהיה בושש לדחות יצר הרע מעליו, וכל רגע פסידא דלא הדר, יאחז תיכף צדיק דרכו להזכיר יום המיתה. [ותירוצו עיי״ש באורך].

KolSatmar.com

**יזכיר לו יום המיתה דאָס איז מַחֲלִישׁ דעם יֵצֶר הָרָע, זאָל ער תיכף אָנהייבן ביי דעם.**

קיט

**נאָר איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט פְּשַׁט** [דערין, און] **איך וועל עס זאָגן אַצינדערט אַביסל מער בְּיֶתֶר בֵּיאוּר.** (ההמשך בביאור הגמרא דברכות, באות קכח)

קכ

## ביאור הגמרא גיטין: אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה

(עד אחר אות קנז)

ובתחילה נוסיף עוד בביאור מאמר הגמרא אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה

[ונקדים עוד וואָס] **איך האָב יענע וואָך**[מח] **געזאָגט** [פשט] **אין דער גמרא** (גיטין נז: ועוד) [שדרשו בהפסוק הנאמר] **אין פרשת פרה, זאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.**

קכא

קושיא א – בגמרא דגיטין

וכבר הקשינו בפרשת פרה, דלכאורה קשה על זה, דהלא אדרבה כתיב וָחַי בָּהֶם, ולא שימות בהם

**לכאורה דאַרף פְּשַׁט.** [דהלא] **די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געזאָגט** (אחרי יח, ה) **וָחַי בָּהֶם,** [ודרשו] **ולא שימות בהם**[נב]**.** [און] **צום סוף זאָגט ער גאָר אינה מתקיימת אלא במי שממית עצמו.**

קכב

אופן ראשון בישוב הקושיא בגמרא דגיטין – לדרך המהרש"א

והזכרנו תירוץ המהרש"א, דהכוונה על כבישת תאוות הגוף. אבל אכתי קשה דלמה נקרא זה בלשון מיתה

**איך האָב** [יענע וואָך שוין] **מַזְכִּיר געווען דעם מהרש"א**[נג]**.**

**דער מהרש"א זאָגט** [אַז] **דאָס מיינט מען דעם גוף, די תַּאֲוֹת** [הגוף זאָל מען מסלק זיין].

[אָבער] **ס'איז דאָך שווער צו פאַרשטיין** [כי כבישת תאות הגוף הוא עיקר תכלית הבריאה והחיים, ואין זה נקרא 'שממית' עצמו, אלא אדרבה הוא בחינת חיים].

קכג

אופן שני בישוב הקושיא בגמרא דגיטין – לדרכינו בס"ג פרה

ולכן פירשנו, דהכוונה על קבלת מסירות נפש, להיות מוכן ומזומן למסור נפשו עבור קידוש ה', במקום שהתורה צוותה בכך, וכמובא בצעטיל קטן

[נאָר] **איך האָב עס אָבער מַסְבִּיר געווען** [לדרכינו באופן אחר, דכוונת הגמרא שיהא האדם מוכן ומזומן למסור נפשו לה', און] **מ'מיינט נישט** [שמוכן להמית עצמו] **אויף אַלדינגס** [על כל מצוה שיהיה, שהרי על זה אמרה תוֹרָה וָחַי בָּהֶם ולא שימות בהם, נאָר] **מ'מיינט נאָר** [אַז] **'ווען' די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געהייסן האָבן מְסִירוּת נֶפֶשׁ,** [באותן דברים שדינם] **יהרג ואל יעבור, זאָל מען זיין מוּכָן וּמְזֻמָּן,** [און] **מְקַבֵּל זיין אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִּין**[נד]**.**

**אַזוי ווי ס'שטייט אין נועם אלימלך אין צעטיל קטן**[נה]**, אַז מ'איז מקיים די מצוה**

---

[נב] **ומזה למדו כי פיקוח נֶפֶשׁ דוחה כל התורה** (חוץ מג' עבירות החמורות)**. וכמבואר בגמרא יומא** (פה:) **וסנהדרין** (עד:) **ועבודה זרה** (כז:)**.**

[נג] **במהרש"א גיטין** (נז: ד"ה וריב"ל)**. וכבר הובא לשונו בס"ג פרה תשכ"ז** (על אות עא)**.**

[נד] **סקילה שריפה הרג וחנק, וכמבואר בספרי המקובלים** (עי' בשער הכוונות בדרושי קריאת שמע, ועוד בכ"מ)**.**

[נה] **בצעטיל קטן שבסוף ספר נועם אלימלך** (אות א-ג)**. וכבר הובא לשונו בס"ג פרה** ( עלאות עג)**.**

[פון] **וְנִקְדַּשְׁתִּי** [בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל], **אַז מ'איז גרייט יעדע מינוט** [למסור עצמו על קדושת השי"ת].

**קכד**

ובאופן זה התורה 'מתקיימת', כי מי שהוא מוכן ומזומן אף לקבל עליו מיתה עבור רצון ה', אם כן קל וחומר שלא יעכבו בעדו שאר המניעות והפניות שהם נגד התורה

**ממילא אַז מ'איז גרייט אויף מְסִירוּת נֶפֶשׁ, און מ'קוקט אַרויס** [מתי יבוא לידי ואקיימנו (עי' ברכות סא:)]. **נו פאַרוואָס האָט מען נישט** [מסירות נפש] **אויף 'אַלעמען',** [אפילו אויף] **וואָס ס'איז 'נישט' יהרג ואל יעבור,** [דאָס איז נאָר] **ווייל די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט נישט געהייסן,** [אָבער] **על כל פנים דעס אַלעס וואָס די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געהייסן מוז מען טון** [אפילו עד כדי מיתה].

**קכה**

[וכשהאדם מוכן לכך, דעמאָלטס] **שטייט נישט אין וועג, קיין שום נִסָּיוֹן.**

**וואָרן אַז מ'איז בּאַרייט**[נו] **אפילו אויף דעם** [על המיתה], **נו איז דאָך שוין נישט קיין נפקא מינה גאָרנישט** [קיין שום שוועריגקייט]. **איז שוין קיין שום זאַך נישט קיין נפקא מינה.** [ולכן אתי שפיר מה שאמרו דעל ידי זה התורה "מתקיימת", כי על ידי בחינה זו יכולין לעמוד כל הנסיונות והמניעות].

**קכו**

**אופן שלישי בישוב הקושיא בגמרא דגיטין – לדרך החתם סופר**

ובשם החתם סופר הבאתי עוד פירוש בזה, דהכוונה על העומדים במלחמה נגד עוברי הדת, אף שעי"ז הם מכניסים עצמן בסכנת מיתה ע"י העוברי עבירה. ועל ידם שמקיימים מצות תוכחה, התורה 'מתקיימת' בישראל

[ובשם] **פון חתם סופר**[נז] **האָב איך נאָכגעזאָגט,** [אַז דאָס] **מיינט מען** [במה שאמרו אֵין התורה] **"מתקיימת",** [ווייל] **פאַר די מִצְוַת תּוֹכָחָה קאָן אויסקומען** [אַז] **מ'האָט מוֹרָא** [שלא יהרגוהו בני דורו], **און אַז מ'האָט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, האָט מען נישט קיין מורא** [מאנשי הדור].

[ומדה זו שפיר נצרכה בכדי] **ס'זאָל האָבן אַ 'קיום'** [די תּוֹרָה, וכמו שנאמר על זה] **אָרוּר אֲשֶׁר לֹא 'יָקִים'** (תבוא כז, כו), **אַז מ'זאָל 'מקיים' זיין די תּוֹרָה,** [דורכדעם וואָס] **מ'זאָל מוֹחֶה זיין** [נגד עוברי עבירה], **אַזוי ווי דער רמב"ן זאָגט**[נח] [פְּשַׁט בכוונת הפסוק, כי] **אַז מ'קען מוֹחֶה זיין** [בעוברי עבירה ואין מוחין נגדם] **איז אָרוּר אֲשֶׁר לֹא יָקִים.**

**נאָר** [איי] **אַז מ'האָט מוֹרָא** [מבני הדור שרוצים להזיקו], **דאַרף מען האָבן מְסִירוּת נֶפֶשׁ.**

**אַזוי זאָגט ער דאָרט, דער חתם סופר טייטשט** [עס].

**איך האָב שוין יענע וואָך געזאָגט די אַלע** [דריי] **טייטשן.**

**קכז**

**הקדמה לאופן רביעי בישוב הקושיא בגמרא דגיטין**

(עד לאחר אות קמה)

אמנם עתה נראה להוסיף עוד ביאור במאמר הגמרא, דהכוונה על דרך שאמרו בגמרא דברכות ואם לאו יזכיר לו יום המיתה, ועל דרך שנבאר בזה

[אָבער] **מ'קען נאָך היצטערט מוֹסִיף נוֹפֵךְ זיין** [בעוד ב' אופנים, צו] **מַסְבִּיר זיין דעם אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.**

---

[נו] פירוש: גרייט.

[נז] **בחתם סופר על התורה** (פרשת חקת). וגם לשונו כבר הובא **שם** (על אות פד).

[נח] **ברמב"ן** כי תבוא (כז, כו). ולשונו כבר הובא שם.

KolSatmar.com

### קכח
### חזרה על קושיא א - בגמרא דברכות
דכבר אמרנו דלכאורה קשה למה לא יתחילו תיכף בהזכרת יום המיתה

[דהנה] **לעולם פרעגט מען דאָך דאָ אַ קַשְׁיָא** [על הגמרא ברכות דלעיל]**, לאָז מען תֵּיכֶף אָנהייבן' ביים** [הזכרת] **יום המיתה** (וכדלעיל באות קיח).

### קכט
### קושיא ב - בגמרא דברכות
ומלבד זה קשה עוד, דהאיך אפשר שלא הועילה לו עצה הראשונה שאמרו יעסוק בתורה, והלא אמרו בגמרא שעסק התורה מועיל כנגד יצר הרע, עד שאם אבן הוא נימוח, וכן מצינו בזוהר שאין כח נגד היצר הרע כעסק התורה

**עקסטערדעם** [איז שווער, דהלא] **דאָס זעט מען בפירוש, איבעראַל אין ש"ס, אַז 'נאָר' די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [היא הכח להנצל מיצר הרע]**, אם אבן הוא נימוח זאָגט די גמרא**[נט]**, אַז די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה איז אַמאָל** [זיכער] **מַצִּיל פונעם יֵצֶר הָרָע. אם אבן הוא נימוח, אַזוי שטייט אין די גמרא.**

[און] **איבעראַל שטייט אַזוי.**

**און אין זוהר הקדוש**[ס] [שטייט] **לֵית לֵיהּ מְקַטְרִיגָא** [לְיֵצֶר הָרָע] **בַּר מִמִּלִּין דְּאוֹרַיְיתָא.**

**איבעראַל שטייט סְתָם** [אַז] **די תּוֹרָה** [מציל מיצר הרע]**, ס'שטייט גאָרנישט** [הזכרת] **יום המיתה.**

**נאָר דאָ עפּעס** [בגמרא דברכות] **אויף איין פלאַץ געפינט מען דאָס, אַז יזכיר לו יום המיתה.**

---

[נט] **בגמרא קידושין** (ל:) **וסוכה** (נב.)**: תנו רבנן, "וְשַׂמְתֶּם"** [אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה עַל לְבַבְכֶם] (עקב יא, יח)**, סַם תַּם, נמשלה** תורה כסם חיים. משל לאדם שהכה את בנו מכה גדולה, והניח לו רְטִיָּה על מכתו ואמר לו, בְּנִי, כל זמן שֶׁהָרְטִיָּה זו על מכתך, אֱכוֹל מה שהנאתך ושתה מה שהנאתך ורחוץ בין בחמין בין בצונן, ואין אתה מתיירא. ואם אתה מַעֲבִירָהּ, הרי היא מעלה נוֹמִי [פי' פצעים]. כך הקב"ה אמר להם לישראל, בָּנַי, **בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו**, שנאמר (בראשית ד, ז) הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת, ואם אין אתם עוסקין בתורה אתם נמסרים בידו, שנאמר (שם) לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ, ולא עוד אלא שכל משאו ומתנו בך, שנאמר (שם) וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ, ואם אתה רוצה אתה מושל בו, שנאמר (שם) וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ וכו'.

**תנא דבי רבי ישמעאל, בְּנִי, אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא נימוח ואם ברזל הוא מתפוצץ** שנאמר (ירמי' כג, כט) הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה' וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע, אם אבן הוא נימוח שנאמר (ישעי' נה, א) הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם, ואומר (איוב יד, יט) אֲבָנִים שָׁחֲקוּ מַיִם.

[ס] **בזוהר הק'** (ח"ג רסז: רסח.)**:** רַבִּי חִיָּיא אָמַר, יֵצֶר הָרָע כַּד אָתֵי לְאִזְדַּוְּוגָא בֵּיהּ לְבַר נַשׁ, דָּמֵי לְבַר נַשׁ דְּקָרִיב לְפִתְחָא, וְחָמֵי דְּלָא אִית מַאן דְּמָחֵי בִּידֵיהּ. עָאל לְבֵיתָא, וְאִתְעֲבִיד לֵיהּ אֹרַח. חָמָא דְּלָא אִית מַאן דְּמָחֵי בִּידֵיהּ, וְיֵיזִיל לֵיהּ לְאָרְחֵיהּ. כֵּיוָן דְּעָיִל לְבֵיתָא וְלָא אִית דִּימְחֵי בִּידֵיהּ, אִתְמַנָּא עָלֵיהּ וְאִתְעֲבִיד מָארֵיהּ דְּבֵיתָא, עַד דְּיִשְׁתַּכַּח דְּכָל בֵּיתָא קָאִים בִּרְשׁוּתֵיהּ ○ מֵאָן אוֹלִיפְנָא, מִפַּרְשְׁתָא דְּדָוִד אוֹלִיפְנָא. מַה כְּתִיב (שמואל ב' יב, ד) וַיָּבֹא 'הֵלֶךְ' לְאִישׁ הֶעָשִׁיר [וַיַּחְמֹל לָקַחַת מִצֹּאנוֹ וּמִבְּקָרוֹ לַעֲשׂוֹת 'לָאֹרֵחַ' הַבָּא לוֹ, וַיִּקַּח אֶת כִּבְשַׂת הָאִישׁ הָרָאשׁ וַיַּעֲשֶׂהָ 'לָאִישׁ' הַבָּא אֵלָיו]**,** הֵלֶךְ, דְּקָרִיב לְפִתְחָא, וְלָא בָּעֵי לְאִתְעַכְּבָא תַּמָּן, אֶלָּא לְמֵהַךְ לְאָרְחֵיהּ. כַּךְ הוּא יֵצֶר הָרָע, כְּמָה דְּמִקְרַב לְבֵיתָא, מִתְקָרֵב גַּבֵּי דְּבַר נַשׁ, אִתְעַר עֲלֵיהּ בְּחוֹבָא זְעִיר, דָּא הוּא אוֹרֵחַ, עֲרָאִי. חָמֵי דְּלֵית דְּמָחֵי בִּידֵיהּ, מַה כְּתִיב, לַעֲשׂוֹת 'לָאוֹרֵחַ' הַבָּא אֵלָיו, אִתְעֲבִיד לֵיהּ אוֹרֵחַ, אַכְסְנַאי בְּבֵיתָא. אִתְעַר עָלֵיהּ בְּחוֹבוֹי יַתִּיר, יוֹמָא חַד, אוֹ תְּרֵין יוֹמִין, כְּהַאי אוֹרֵחַ דְּשָׁרָאן לֵיהּ בְּבֵיתָא יוֹמָא חֲדָא אוֹ ב' יוֹמִין, כֵּיוָן דְּחָמֵי דְּלֵית מַאן דְּמָחֵי בִּידֵיהּ, מַה כְּתִיב, וַיַּעַשׂ 'לְאִישׁ 'הַבָּא אֵלָיו, אִתְעֲבִיד מָארֵי דְּבֵיתָא, כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר (מקץ מב, ל) הָאִישׁ אֲדוֹנֵי הָאָרֶץ, אִישׁ נָעֳמִי (רות א, ג). כַּךְ הוּא יֵצֶר הָרָע, אִתְעֲבִיד לְקַבְלֵיהּ דְּבַר נַשׁ אִישׁ, בַּעַל הַבַּיִת. הָא אִתְקַשַּׁר בַּר נַשׁ בְּפוּלְחָנֵיהּ, וְהוּא עָבִיד בֵּיהּ רְעוּתֵיהּ. ○ **וְעַל דָּא בָּעֵי בַּר נַשׁ לְשַׁוָּאָה מִלִּין דְּאוֹרַיְיתָא עֲלֵיהּ תָּדִיר, בְּגִין דְּיְהֵא הַהוּא יֵצֶר הָרָע תָּבִיר בְּהוּ, דְּלֵית לֵיהּ מְקַטְרְגָא לְיֵצֶר הָרָע, בַּר מִלֵּי דְּאוֹרַיְיתָא.** וְעַל דָּא כְּתִיב (ואתחנן ו, ו) וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' עַל לְבָבֶךָ, עַל תְּרֵי יִצְרֶיךָ, יֵצֶר הַטּוֹב אִתְעֲטָּר בְּהוּ, וְיֵצֶר הָרָע אִתְכַּנַּע בְּהוּ. ○ אָמַר רִבִּי יְהוּדָה, יֵצֶר הַטּוֹב מַה בָּעֵי מִלֵּי דְּאוֹרַיְיתָא. אָמַר לֵיהּ, יֵצֶר הַטּוֹב אִתְעֲטָּר בְּהוּ. וְיֵצֶר הָרָע, כֵּיוָן דְּחָמֵי בַּר נַשׁ לָא תָב וְלָא בָּעֵי לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּאוֹרַיְיתָא, כְּדֵין הוּא סַלִּיק לְעֵילָּא וְאוֹלִיף עָלֵיהּ חוֹבָה, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (משלי ג, לה) וּכְסִילִים מֵרִים קָלוֹן.

### קל

### ישוב קושיא א-ב - בגמרא דברכות

אמנם כבר ביארתי בזה, דמה שאמרו יזכיר לו יום המיתה, אין הכוונה דהזכרה זו הוא תקנה בעצם לנגד היצר הרע. כי סוף סוף התקנה לניצוח היצר הרע הוא אך ורק על ידי עסק התורה

**הָאָב איך געזאָגט דעם פְּשַׁט, דאַכט זיך מיר פָּשׁוּט.**
**דער פְּשַׁט איז נישט אַז דער יום המיתה איז שוין אַ תַּקָּנָה קעגן יֵצֶר הָרָע.**
**דער אֱמֶת** [איז עס] **טאַקע נאָר די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.**

### קלא

אמנם מבואר באור החיים הק' כי מה שאמרו דתורה מגינא ומצלא נגד היצר הרע, הוא רק בתורה "לשמה", אבל בתורה "שלא לשמה" אינו בטוח בזה

**נאָר דער אור החיים הקדוש זאָגט אין פרשת בחקותי[סא], אַז דעס וואָס די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה איז 'מֵגִין און מַצִּיל' פון יֵצֶר הָרָע[סב], דאָס איז נאָר תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.**

**מ'האָט מַתִּיר געווען תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ ווייל מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ, איז דאָך עס נאָר ווייל בָּא לִשְׁמָהּ.**

**אָבער שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אַליין איז נישט 'דעס', איז נישט דער מְבוּקָשׁ. ממילא דאָס האָט נישט קיין כֹּחַ פאַר זיך.**

[ולכן בכדי] **אַז ס'זאָל האָבן אַ כֹּחַ מַצִּיל זיין פונעם יֵצֶר הָרָע, מוז זיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אַזוי זאָגט ער. אַ פֶּלֶא.**

### קלב

ולזה אמרו מתחילה, דאם לא נצחו ליצר הרע, יעסוק בתורה, ואם נצחו מוטב. אבל אם לא נצחו, הרי זה סימן שלא היה עוסק בתורה "לשמה", על כן שוב יש לחפש לו עצות האיך להגיע לידי תורה "לשמה"

**לפי זה איז דאָך דאָ אַ גרויס עִנְיָן,** [דמתחילה אם] **לֹא נְצָחוֹ יעסוק בְּתוֹרָה.**

---

[סא] **באור החיים הק'** (בחקותי כו, ג. אופן ז): **עוד ירצה** [הכתוב אם בחקותי תלכו וגו'], **על דרך אומרם ז"ל** (אבות ד, יד) הוי גולה למקום תורה, שצריך לכתת רגליו ממקום למקום ללמוד תורה, והוא אומרו **אִם בְּחֻקֹּתַי** שהיא עסק התורה, צריכים **שתֵּלֵכוּ** ממקומכם אחריה. גם כדי שתהיו פנויים אין נכון ללמוד והוא בביתו, כי יטרדוהו בצורכי הבית, לכן יעזוב איש את אביו ואת אמו, ויסע ממקומו ללכת אחריה.

ואומרו **וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ**, יתבאר על דרך מה שאמרו במסכת שבת (לא:) מכריז רבי ינאי חבל על מאן דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד, שעיקר עסק התורה צריך שיהיה לשמור ולעשות, והוא אומרו **אִם בְּחֻקֹּתַי וגו'**, שהוא עסק התורה, תנאי הוא הדבר **וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.**

ואמר **וְאֶת מִצְוֹתַי** [בלשון רבים], יתבאר על דרך אומרו בגמרא (ברכות יז.) הלומד **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** נוח לו שלא נברא, והקשו בתוספות (שם ד"ה העושה) עם אותה שאמרו (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה אפילו **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** שמתוך **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** בא **לִשְׁמָהּ**, ותירצו כי הם שני אופנים **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ**, אחד לקנטר ואחד להתכבד, לקנטר נוח לו שלא נברא, להתכבד יעסוק שמתוך וכו'. והוא מאמר הכתוב **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, ותנאי הוא הדבר ואת מצותי, שבה שני מצות הצריכין בלימודה, שלא ילמדו לא לקנטר, ולא להתכבד, אז **תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם**, מבטיח הכתוב שהגם שתבא עבירה לידו יהיה ניצול ממנה, וכאומרם (סוטה כא.) תורה מגינא ומצלא מיצר הרע, וכמו שאמרו במסכת עבודה זרה (יז:) באותו מעשה של רבי חנינא ורבי יונתן שחלפו אפיתחא דזונות וכו', דכתיב (משלי ב, יא) **מְזִמָּה תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ** וגו'. ודקדק לומר ועשיתם, על דרך אומרם ז"ל (קידושין לט:) ישב אדם ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה, והעמידוה כשבאה עבירה לידו וניצול ממנה, הגם שאינה אלא 'שמירה', מעלה עליו הכתוב כאילו 'עשה' מעשה מצות.

והגם שדרש רבא (פסחים שם) בפסוק (תהלים נז, יא) **כִּי גָדֹל עַד שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ**, זה הלומד **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** אלא להתכבד, **הטעם לא שיש רצון הבורא בלימוד זה, אלא לתכלית היוצא ממנו שיבא ללמוד לִשְׁמָהּ, ותורה זו אין בסגולתה להציל מיצר הרע בבא עבירה לידו.** ובזה יש לתרץ מה שהקשו שם בסוטה (כא.) לרב יוסף שאמר תורה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה מגנא ומצלא, אלא מעתה דואג ואחיתופל מי לא עסקו בתורה, אמאי לא אגינא עלייהו עד כאן, לדברינו אין קושיא, **שהם היו לומדים מתחלתם שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, ואין כח בתורה כזו להגין עליו מיצר הרע.**

[סב] **כלשון הגמרא סוטה** (כא.), המובא בדברי האור החיים הק'.

KolSatmar.com

[נאָר] אַז די תּוֹרָה נוצט נישט, נו זעט דאָך אויס [שלא היה לִשְׁמָהּ, ווייל] פּאַרוואָס נוצט נישט די תּוֹרָה, - ער זאָגט אַז דאָס איז אַ זיכערע זאַך, תּוֹרָה לִשְׁמָהּ איז זיכער אַ כֹּחַ מַצִּיל צו זיין, אַזוי זאָגט דער אור החיים הקדוש דאָרט, - פּאַרוואָס נוצט עס נישט, [אלא מאי] מוז זיין ווייל ס'איז נישט קיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

### קלג

והוא דמה שהאדם אינו עוסק בתורה לשמה, הוא בשביל שיש לו פְּנִיּוֹת דשלא לשמה. וסיבת הפניות הם לאחת משתי דברים. א] או בשביל שאין לבו דבוק בה', ובקבלת עול מלכות שמים. ב] או בשביל שמקושר בתאות הגוף שנתחזקו עליו

פּאַרוואָס איז נישט דאָ קיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ? ווייל מ'האָט פְּנִיּוֹת.

[און] דאָס איז אַ פשיטא, אַז לֹא דִבְּרָה תּוֹרָה חלילה מיט אֶפִּיקוֹרְסִים, וואָס זיי גלייבן נישט.

[אָבער] אידן וואָס זענען מַאֲמִין אין הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, און מ'לערנט, און ער איז עוֹסֵק בְּתּוֹרָה, פּאַרוואָס האָט ער פְּנִיּוֹת שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ?

איז דאָך נאָר:

א] אָדער [ווייל] מ'איז נישט דָּבוּק אין באַשעפער, מ'האָט נישט קיין הַרְגָּשָׁה [אֲמִתִּית], מ'האָט נישט מְקַבֵּל געווען עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם [כראוי].

ב] אָדער [ווייל] מ'איז מְקוּשָּׁר אין די תַּאֲוֹת, וואָס ס'ציהט דערצו [וממילא האָט מען פְּנִיּוֹת פון שלא לשמה].

### קלד

ועל כן שוב נתנו בגמרא ב' עצות, האיך לסלק אלו הב' סיבות של הפניות דשלא לשמה

[על כן בְּכַהַאי גַוְונָא] מוז איך האָבן די [אַנדערע] צוויי עֵצוֹת [פון קריאת שמע אדער הזכרת יום המיתה, כדי] אַז מ'זאָל 'צוקומען' צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

### קלה

ולזה אמרו, דאם לא נצחו בתורה, יקרא קריאת שמע, דהוא ענין קבלת עול מלכות שמים כראוי, ועל ידי זה יסולק ממנו הסיבה הראשונה של הפניות

איבערדעם איז [אם נצחו מוטב, ואם לאו] יקרא קריאת שמע, [דהיינו] מ'איז מְקַבֵּל עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם. [און] אַז מ'איז מְקַבֵּל עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בֶּאֱמֶת מיט קְרִיאַת שְׁמַע, מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, [דעמאָלטס] קאָן מען צוקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

### קלו

ואם גם זה לא הועיל, הרי זה סימן שיש לו סיבה השניה, שמקושר בתאוות הגוף. ולזה נתנו העצה של יזכיר לו יום המיתה, שהזכרה זו מועיל לסילוק תאוות הגוף, וכמבואר בדברי המפרשים ריש פרק ג' דאבות

אַז ס'נוצט אָבער ווייטער נישט, [איז] אַ סִימָן אַז ס'האָט אים נישט גענוצט פּאַרוואָס, ווייל די תַּאֲוֹת לאָזן אים נישט.

[וממילא] אויף דעם ברויך מען האָבן הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה.

[ווי] דער ברטנורא זאָגט[סג] [אַז] הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה איז מְבַטֵּל תַּאֲוַת מָמוֹן, [און] אין אַנדערע מפרשים שטייט[סד] אַז ס'איז מְבַטֵּל אַלע תַּאֲוֹת.

---

[סג] דאיתא במשנה דאבות (ג, א): הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה. דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ וכו', לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה. וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. - ועי"ז מפרש בפירוש הברטנורא (אבות ג, א) וז"ל: והמסתכל שעתיד לילך למקום עפר רמה ותולעה, נצול מן התאוה והחמדה אל הממון. והמסתכל שעתיד ליתן דין וחשבון, פורש מן החטא ואינו נכשל בעבירה.

[סד] בפירוש המשניות להרמב"ם שם: זה ההסתכלות [מאין באת] מביא האדם לידי ענוה, בזכרון מאין בא.

KolSatmar.com

**ס׳איז מְבַטֵל, דעס איז אַ כֹּחַ הַחֲלָשָׁה פאַר די תַּאֲוֹת, אַז ס׳זאָל באַזייטיגן די פְּנִיוֹת פון שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

**ממילא בלייבט די תּוֹרָה אַ כֹּחַ** [נגד עצם היצר הרע].

**קלז**

וממילא מיושב למה לא התחילו בהעצה של הזכרת יום המיתה, כי העצה לנצח את היצר הרע הוא רק על ידי עסק התורה כשהוא "לשמה", והזכרת המיתה הוא רק עצה לסילוק תאות הגוף, שהם הסיבה למנוע ממנו עסק התורה "לשמה"

**אָבער** [דער עצם כח] **קעגן יֵצֶר הָרָע, איז טאַקע ווייטער נאָר די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.**

**קלח**

**איבערדעם הייבט ער נישט אָןביים יוֹם הַמִּיתָה, ווייל שפּעטער** [אצל יקרא קריאת שמע ואצל יזכיר לו יום המיתה] **מיינט מען אויך די תּוֹרָה, פריער און שפּעטער, אַלעס איז נאָר דער כֹּחַ הַתּוֹרָה.**

**דעס וואָס ער זאָגט דאָ דעם יַזְכִּיר לוֹ יוֹם הַמִּיתָה, דאָס איז נאָר** [כדי] **ער זאָל פאַררעכטן די פְּנִיוֹת וואָס מ׳האָט ביי די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, פאַרוואָס מ׳לערנט שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, פאַרוואָס מ׳לערנט תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

[און] **אַז מ׳זאָל פאַררעכטן די פְּנִיוֹת, ממילא קאָן מען צוקומען מ׳זאָל לערנען פאַרן אייבירשטענ׳ס וועגן, אֱמֶת׳דיג.** [און] **׳דער׳ לִמּוּד הַתּוֹרָה וועט אים שוין מַצִּיל זיין פון יֵצֶר הָרָע.**

**אָבער נישט דער** [הַזְכָּרַת] **יוֹם הַמִּיתָה, טאַקע נאָר דאָס** [מה שיעסוק בתורה].

**קלט**

**אופן שני – בישוב קושיא א בגמרא דברכות**

**בביאור הלשון "יזכיר לו" יום המיתה**

**מ׳קאָן אפשר זאָגן** [לדייק עוד] **אין דעם** [לשון] **"יַזְכִּיר לוֹ" יוֹם הַמִּיתָה.**

**קמ**

בפסוק וּבְכָל נַפְשְׁךָ שקורין בקריאת שמע, פירשו חכמז"ל אפילו הוא נוטל את נפשך. ונמצא דהקורא קריאת שמע בכוונה, ממילא יש לו גם ענין הזכרת יום המיתה

**וואָרן לעולם אין דעם בְּכָל נַפְשְׁךָ** [שאומרים בקריאת שמע] **זאָגט דאָך די גמרא**[סה] **אפילו נוטל את נפשך.**

[און] **אַז מ׳זאָגט** [ביי קריאת שמע] **אפילו נוטל את נפשך איז דאָך שוין דאָ ממילא**

---

והסתכלו באחריתו, יביאהו לבזות בעניני העולם. והסתכלו לגודל הַמִּצְוָה, יביאהו למהר לשמוע מצותיו. וכשיעלו בידו אלו השלשה דברים לא יחטא כלל.

**ובפירוש רבינו יונה שם:** וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה. וכי תחשוב בלבך לְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, לא תחפוץ **בכל התענוגים**, כי לרמה אתה טורח. גם **כל עושר וכבוד** תבזה בעיניך, **וכל טובה תבהיל** [פירוש תהביל], כי הכל הבל ורעות רוח, ועל ענין זה עשה שלמה המלך ספר קהלת, והתחיל (קהלת א, ב) הֲבֵל הֲבָלִים, להבהיל כל טובה וכל יקר. ואחר שההביל את הכל, אמר (שם יב, יג) סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם.

[סה] **במשנה דברכות** (נד.): חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, שנאמר (ואתחנן ו, ה) וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וגו׳. בְּכָל לְבָבְךָ, בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע. וּבְכָל נַפְשְׁךָ, **אפילו הוא נוטל את נפשך.** וּבְכָל מְאֹדֶךָ, בכל ממונך. דבר אחר בְּכָל מְאֹדֶךָ, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך [פירש"י: מדות המדודות לך, בין מדה טובה בין מדת פורענות].

**ובגמרא שם** (סא:): תניא רבי אליעזר אומר, אם נאמר בכל נפשך, למה נאמר בכל מאדך. ואם נאמר בכל מאדך, למה נאמר בכל נפשך. אלא אם יש לך אדם שגופו חביב עליו מממונו, לכך נאמר בכל נפשך. ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו, לכך נאמר בכל מאדך [פירש"י: מן החביב עליך]. רבי עקיבא אומר בְּכָל נַפְשְׁךָ, **אפילו נוטל את נפשך.**

KolSatmar.com

**הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה** [בשעת ׳קריאת שמע׳], **מ׳איז דאָך בּאַרייט[נו], מ׳איז אויף זיך מְקַבֵּל אפילו נוטל את נפשך, איז מען דאָך בּאַרייט פאַר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זיך אַהינצוגעבן מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.** [ואם כן קל וחומר שיוכל לעמוד נגד שאר מניעות היצר הרע (וכדלעיל באות קכה), ולמה עדיין לא נָצְחוֹ בהעצה של יִקְרָא קְרִיאַת שְׁמַע].

**קמא**

אלא דבעוה״ר מי שיצרו תוקפו, הוא סימן שאינו מכוון בקריאת שמע כראוי, או ששוכח מה שאמר בשעת קר״ש

**נאָר וואָס דען, מ׳געדענקט נישט וואָס מ׳האָט געזאָגט.**

**מ׳האָט אפשר ניטאַמאָל אַליין אינזין** [מה שאומר בקריאת שמע]**. אָדער אפילו מ׳איז** [יאָ] **אַ רֶגַע דערביי** [ווען מ׳זאָגט עס]**, איז עס מָשׁ מִזִּכְרוֹנוֹ** [שפּעטער]**, און מ׳האָט עס נישט** [אין זכרון].

[וואָרן] **ווען מ׳זאָל דאָס ׳אינזין׳ האָבן, העט מען נישט געקומען צו קיין עֲבֵירָה** (וכדלעיל באות קכה)**, העט דאָך אַלעס גוט געווען.**

**קמב**

ולזה לאחר שאמרו יקרא קריאת שמע, אמרו עוד דבאם לאו ׳יזכיר לו׳ יום המיתה, וזה קאי גם כן על קריאת שמע, והכוונה שיזכיר עצמו מה שאמר בשעת קר״ש ענין הזכרת יום המיתה, בהפסוק וּבְכָל נַפְשְׁךָ. [וכשיתבונן ויזכור ענין זה כראוי, שוב יוכל יבוא לידי תורה ״לשמה״, וכאופן דלעיל]

**איבערדעם דאָס קען זיין דער פְּשַׁט, דער ׳יזכיר לו׳ יום המיתה גייט אַרויף אויף די קריאת שמע,** [והכוונה] **זאָלסט געדענקען אַז דו האָסט געזאָגט וּבְכָל נַפְשְׁךָ[סו], זאָלסט וויסן וואָס בְּכָל נַפְשְׁךָ איז טייטש, ס׳איז טייטש דער** [הזכרת] **יום המיתה, גייט עס אַרויף אויף דעם.**

[והלשון ואם לאו יזכיר לו יום המיתה] **דאָס זאָגט פְּשַׁט אין דעם** [לשון] **וואָס שטייט ואם לאו יקרא קריאת שמע, זאָגט ער אים ׳יזכיר לו׳, מ׳זאָל אים דערמאַנען, דו האָסט דאָך הערשט געזאָגט וּבְכָל נַפְשְׁךָ,** [ואם כן] **ווי קענסטו האָבן אַזעלעכע מַחֲשָׁבוֹת, אַזאָלעכע מַחֲשָׁבוֹת לֹא טוֹבוֹת, מיט פְּנִיּוֹת.**

**דו מיינסט ׳דאָס׳ און דו מיינסט ׳יענץ׳. דו ברויכסט ׳דאָס׳ און דו ברויכסט ׳יענץ׳. צי מָמוֹן, צי כָּבוֹד, אָדער כְּדוֹמֶה.**

**דו האָסט פאַרגעסן וואָס דו האָסט פריער געזאָגט.**

**מ׳זאָל אים דערמאַנען וואָס דאָס איז טייטש, וּבְכָל נַפְשְׁךָ איז טייטש דער** [הַזְכָּרַת] **יוֹם הַמִּיתָה.**

**קמג**

**ס׳האָט דאָך קיין אַנדערע טייטש נישט** [דער וּבְכָל נַפְשְׁךָ]**.**

**נאָר מ׳בּאַרעכנט זיך נישט, מ׳איז נישט דערביי.**

**מ׳פאַרגעסט וואָס מ׳האָט אַליין געזאָגט.**

---

[סו] **ועיין בישמח משה פרשת מטות** (ד״ה בפסוק וידבר משה) **וז״ל: והנה זה ודאי דכל איש חושב בכל יום ׳על יום מחר׳, שמן אָז והלאה יעשה רצונו ית׳, כי היום יִצְרוֹ תוקפו, אבל אין לו היום יצר הרע של מחר. והיינו אמרם ז״ל** (קידושין ל:) **יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום. וכן בכל יום שקורא קריאת שמע שהוא דאורייתא, הרי מקבל עליו עול מלכות שמים ועול תורה ועול מצות, דאין נקרא אמירה באמת, רק אם הוא על מנת לעשות, כפיו כן לבו, ולכך קראו חז״ל** (ברכות יג.) **לקריאת שמע קבלת עול מלכות שמים, וקבלת עול מצות. ואם כן לפי זה אין נדר גדול לאלקי ישראל יותר מזה, שמקבל עליו כל אחד מישראל פַּעֲמַיִם בכל יום שחרית וערבית, פַּעֲמַיִם בכל פעם, בפרשה ראשונה וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ כו׳, וכן בפרשה שניה. ואם כל אחד מישראל היה מקיים מה שמקבל עליו בקריאת שמע, ודאי הגאולה קרובה לבא, והבן.** [ועיי״ש מה שמפרש בזה בפסוקי הפרשה שם].

KolSatmar.com

### קמד

ווי זיי טייטשן[סז] (בנוסח פסוקי דזמרה לשבת ויו"ט) **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים איז די ראשי תיבות שִׁכְחָה.**

**ווארן דער אֱמֶת, לויטן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים** [לְפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וגו'] **איז דאָך נישט** [דאָ] **קיין תירוץ פאַרוואָס טוט מען נישט אַזוי, נאָר דער תירוץ איז שִׁכְחָה, ס'ווערט נִשְׁכַּח מִן הַלֵּב.**

[און] **דאָס הייסט אויך אַ בחינה פון שִׁכְחָה, אפילו מ'געדענקט** [יאָ, אָבער] **אַז ס'איז נישט מְקוּשָּׁר בְּלֵב, דאָס איז אויך אַן ענין פון שִׁכְחָה.**

### קמה

**איבערדעם איז דאָס יַזְכִּיר לוֹ, מ'זאָל האָבן אַ זְכִירָה דערינען, אין די ווערטער וואָס דו האָסט געזאָגט אַליין אין די קריאת שמע, דעם בְּכָל נַפְשְׁךָ.**

### קמו

### אופן רביעי - בישוב הקושיא בגמרא דגיטין

ולפי האמור יבואר גם מאמר הגמרא **אֵין התורה מתקיימת אלא במי 'שממית' עצמו עליה**, דהכוונה שמזכיר לו יום המיתה, ועי"ז שוב בא לידי עסק התורה לשמה. וזה שאמרו בכאן כי התורה 'מתקיימת' רק בעוסקי תורה לשמה. משא"כ בעוסקי תורה **שלא** לשמה, שהרבה מהם מגלים פנים בתורה שלא כהלכה, והם המכבין נרה של התורה ומקלקלים את הדור

**היצט לפי זה קאָן מען שוין זאָגן איז רעכט** [בביאור הגמרא דגיטין], **ס'איז אֵין התורה מתקיימת אלא במי 'שממית' עצמו עליה,** [והכוונה כי רק] **תּוֹרָה לִשְׁמָהּ האָט אַ קיום.**

### קמז

[מה שאין כן] **תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ ברענגט** [לפעמים ביטולה של תורה].

[שהרי] **אַסאַך קאָנען אַרויסגיין חלילה פונעם וועג 'מיט' די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה,** [דורכדעם וואָס] **מ'זאָגט פאַלטשע פְּשָׁטִים, מ'איז מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַּהֲלָכָה** [ותורתו נעשית לו סם המות, און] **רחמנא ליצלן די וועלט ווערט נאָך פאַרפירט נאָך אַרגער** [על ידי לומדי תורה כאלו].

### קמח

**ווי דער חתם סופר זאָגט**[סח] [בביאור זה הפסוק, **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם**] **כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אין אֹהֶל שֶׁל תּוֹרָה, דעמאָלטס כָּל אֲשֶׁר בָּאֹהֶל יִטְמָא,** [ווייל] **דעס איז מְטַמֵּא די וועלט.**

---

[סז] מובא **בייטב פנים** לחנוכה (אות א) וז"ל: כי שמעתי [לפרש] מה שאומרים בשבת קודש (בסוף פסוקי דזמרה) **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים**, ראשי תיבות **שִׁכְחָה**. הענין, כי איך יצאנו ידי חובותינו מה שאנו חייבין להלל ולהודות לשמו ית' בכל עת ובכל שעה על רוב נפלאותיו וטובותיו, וכמו שנאמר (תהלים קנ, ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל, ואמרו ז"ל (בראשית רבה יד, ט) על כל נשימה ונשימה תהלל. ומי גבר יזכה לזה, לפרוע חובות השבח וההודאה לשמו ית'. אבל המליצה עבור זה, כי ראשי תיבות הוא **שִׁכְחָה**, שֶׁמַּה שאינו משבח ומהלל, הוא מחמת שנטבע בנו כֹּחַ הַשִּׁכְחָה, לשכוח טובותיו ונפלאותיו אשר הם בכל עת ובכל שעה, ואין בעל הנס מכיר את ניסו (נדה לא.), **עד כאן שמעתי**. [ועיין פירוש זה **באהבת שלום** (קאסוב, בדרוש הראשון לר"ה)]. [ועי' ס"ג כי תבוא תשכ"ז שמביא רבינו דברי הייט"פ].

[סח] **בתורת משה** (פרשת חקת): **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל וגו'**. יש לומר על דרך רמז, [דהנה] **שָׁנָה וּפִירַשׁ** אמרו חכז"ל (פסחים מט:) גרע מכולם, דרשע שאינו בן תורה אינו מסוכן כל כך, **אבל חלילה אם בן תורה נתקלקל, הוא מסית ומדיח**. וזה אפשר שֶׁרָמַז בכאן, דרשעים בחייהם קרויים מתים, וזהו **אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל** של תורה, **כָּל הַבָּא אֶל הָאֹהֶל** [וגו'] **יִטְמָא**, [היינו איש] **אַחֵר**.

ועיין עוד **בחתם סופר על התורה** (שם): **הַנֹּגֵעַ בְּמֵת לְכָל נֶפֶשׁ אָדָם וכו'**. ויראה דרומז בכאן, כי העבירות מתחלקים לג' חלקים. הראשון, מה שהוא מדרך האדם באשר הוא אדם גשמי, והרוב אינם נמלטים מזה. ומכל מקום בהגיע האדם סמוך לרוב שנותיו, יראה עכ"פ להתגבר על יצרו ולהיות יתר ימיו בתשובה, כדי שיסתלק

**קמט**

ומה שאמרו הלשון 'שממית' עצמו, גם כן הכוונה (כבאופן ד') על פי הזוהר דהמקבל עליו מסירות נפש נחשב כאילו נעשה כן. והכוונה כאן על הזכרת יום המיתה שבשעת קריאת שמע, שאז צריכין לקבל עליו ענין הכתוב **וּבְכָל נַפְשְׁךָ, אפילו הוא נוטל את נפשך**

איבערדעם זאָגט ער אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, ער מיינט [צו זאָגן] אַזוי ווי ער רעכנט אויס [בגמרא דברכות] דעם הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה, [וקבלת מסירות נפש, שהוא הסגולה להנצל מפניות ושלא לשמה, ולזכות שוב לתורה לשמה].

דאָס הייסט דאָך כאילו [שממית עצמו], [ווי] דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך[סט] [כי] אַז מ'איז אויף זיך מְקַבֵּל מְסִירוּת נֶפֶשׁ הייסט שוין ווי גלייך כאילו נִתְפַּטֵר, [ולכן זה מכפר

---

מהעוה"ז כצדיק גמור וכו', ומה יתרון לאדם אם יֵצֵא מעולמו ומאומה אין בידו. ○ **והשנית, העושה מעשה** רשעים גמורים, אוחז בדרכי אוה"ע המקולקלים. ופשיטא שגם לזה מועיל תשובה, והיא טובה מאוד מאוד באופן הנ"ל, שתהיה זקנתו מכפר על ילדותו. משא"כ אם ימות בלא תשובה, אזי עונשו קשה יותר, ונפשו נכרתת משרשה העליון, רחמנא לשיזבן. ○ **השלישי, תלמיד חכם שסרח והחטיא תלמידיו עמו** וקלקל אורחות יושר, חלל ה' ברבים רח"ל, ובני אדם אומרים עליו וכו' פלוני שלמד תורה ראו כמה מקולקלין מעשיו כמה מכוערין דרכיו (יומא פו.). ולזה אין לו תקנה עד שיחזור בתשובה וישיב רבים מֵעָוֹן, ויקדש שמו תחת אשר חללו, ואח"כ אולי יזכה שאותם אנשים בעצמו שחטאו על ידו, יחזירם אל ה'.

ונבוא אל המכוון בעזה"י, וְנֹאמַר כי החטא הוא הממית לכל 'נֶפֶשׁ אָדָם', רצ"ל נשמתו, והרשע בעצמו נקרא מת ג"כ. ואמר עכשיו ברמז, **הַנֹּגֵעַ בְּמֵת לְכָל נֶפֶשׁ אָדָם**, מה שהוא נוגע בחטאים הכוללים ממש לכל נפש האדם, אשר לא ימלט ממנו רוב בני אדם, **וְטָמֵא שִׁבְעַת יָמִים**, שמתטמאים בהם כל שבעים ימי שני חייו, העצה היעוצה שהוא יתחיל עכ"פ **להתחטא בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי**, בהגיעו לכח כשהוא בן שלושים, סמוך לרוב שנותיו, **יִתְחַטָּא** בתשובה, ויהיה כן כל יתר שנותיו עד צאתו מהעוה"ז **בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי**, ואז **יִטְהָר**. ואל יְדַמֶּה בנפשו כי דַּי לו בתשובה במקצת ימיו, אלא כמו שאמר דוד המע"ה (תהלים נא, ה) **וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד**. **ואם לאו לֹא יִטְהָר וכו'.** מ"מ כריתת הנפש נמי ליכא, ואפילו אם לא עשה כלל תשובה על אותן החטאים. שוב אמר **כָּל הַנֹּגֵעַ בְּמֵת בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם אֲשֶׁר יָמוּת**, הוא כינוי לרשע גמור, והנוגע בעוונות של רשעים גמורים שאין רוב העולם נכשלים בהם, גם לזה יש תקנה כנ"ל, אמנם אם **לֹא יִתְחַטָּא**, הרי **אֶת מִשְׁכַּן ה' טִמֵּא**, היינו א"ע, שהיה ראוי להיות משכן ומרכבה לחלק אלוק ממעל, על כן יכרת.

וכל זה במי שאינו בן תורה ואינו מפסיד אלא לעצמו, אך **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל** בית המדרש, ועי"ז **כָּל הַבָּא אֶל הָאֹהֶל וְכָל אֲשֶׁר בָּאֹהֶל** היינו התלמידים, הכל **יִטְמָא**, שהרי ישתו ממימיו הרעים, ושם שמים מתחלל. **וְכֹל כְּלִי פָתוּחַ**, הם בעלי שֵׂכֶל אשר נכלי מחשבותם פתוחות בחכמה, אלא **שֶׁאֵין צָמִיד פָּתִיל עָלָיו**, שאין דביקותם מאוד בה', אותם **יְטַמֵּא** ביותר, ויהפך שכלם עליהם לרועץ. **וְכֹל אֲשֶׁר יִגַּע עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה**, המה עמא דארעא **עֲשִׁירֵי הַדּוֹר** אשר יהיה לו נגיעה עמם, **בַּחֲלַל חֶרֶב**, שיתחלל שם שמים בחרבות שבפיהם על אחד משלשה אופנים, והוא **אוֹ בְמֵת**, שגם הם ירשיעו ויאמרו פלוני עושה כן והוא ת"ח, גם אני כמוהו, **אוֹ** שלא ירשיעו ללמוד ממנו להיות כמת, אבל יחללו שם שמים **בְּעֶצֶם אָדָם**, בעצמיותו של אותו האדם, לאמור זה הוא מעשי ת"ח אוי לו וכיוצא בזה, ונהי שעדיין לא דיברו בכל ת"ח אלא עליו לבד בעצמיות שלו, מ"מ די בזיון וקצף, **אוֹ** [**בְקָבֶר**, שהוא] יותר מזה, והוא **כְּקֶבֶר פָּתוּחַ גְּרוֹנָם** בשלוח לדבר על כל התורה ולומדיה, לאמר פלוני שלמד תורה וכו' אוי לו למי שלמדו תורה.

להעושה כן תשובתו קשה רח"ל, ע"כ תחלה יחזור הוא למוטב ע"י שילמוד **מֵעֲפַר שְׂרֵפַת הַחַטָּאת**, שראוי היה לשרוף כמוהו, וילמוד תורה **מַיִם חַיִּים**, **אֶל כֶּלִי** מחשבתו יומם ולילה, כי היא המכפרת. ואחר כך **יקח אֵזוֹב**, כניעה ושפלות, לב נשבר ונדכה, **וְטָבַל בַּמַּיִם אִישׁ טָהוֹר**, רצ"ל שיחזור אחר תלמידים טהורים תחלה, ויטבלם במים בתורה וילמוד עמהם. והיתוך הכתוב שהטמא הנ"ל הוא יטבול את איש הטהור במים ויטהר אהלו וכו' ואח"כ כשהוא כבר טהור יזה ג"כ על הטמאים שהחטיאם בתחלה ויראה להחזירם למוטב, וזה **וְהִזָּה הַטָּהֹר עַל הַטָּמֵא** וגו'. וזה האיש אשר **לֹא יִתְחַטָּא**, הרי **אֶת מִקְדַּשׁ ה' טִמֵּא**, לא לבד **מִשְׁכַּן ה'** שהוא גופו ונפשו, אלא גם מקדש ה' תורתו הק', על כן עונשו יותר קשה, אך תשובתו יותר מתקבלת להיותו ת"ח, ותורה היא עץ חיים.

[סט] **בזוהר הק' במדבר** (קכא:). וכבר הבאנו לשון הזוהר **בס"ג פרה הנזכר** (על אות עד).

וע"ע בזוהר הק' בלק (קצה:): **דְּכָל מַאן דְּאִלֵּין אַרְבַּע יְסַדֵּר קַמֵּי מָארֵיהּ, וְעָבִיד גַּרְמֵיהּ בִּרְעוּתָא בְּתִקּוּנָא דָּא כִּדְקָא יָאוּת, בְּתִקּוּנָא דָּא לָא תֶּהְדַּר צְלוֹתֵיהּ בְּרֵיקַנְיָא. ○ בְּקַדְמֵיתָא עֶבֶד, לְסַדְּרָא שְׁבָחָא קַמֵּי מָארֵיהּ, וּלְזַמְּרָא קַמֵּיהּ, וְדָא בְּתוּשְׁבְּחָן דְּקַמֵּי צְלוֹתָא. וּלְבָתַר עֶבֶד, לְבָתַר דְּצַלֵּי צְלוֹתָא דַּעֲמִידָה, אִיהוּ עַבְדָּא דְּסִדֵּר צְלוֹתָא דְּמָארֵיהּ. וּלְבָתַר עֶבֶד, לְבָתַר דְּצַלֵּי כָּל צְלוֹתֵיהּ, וְאָזִיל לֵיהּ. וְעַל דָּא דָּוִד תְּלַת זִמְנִין עֲבַד גַּרְמֵיהּ בִּצְלוֹתָא דָּא עֶבֶד. דִּכְתִיב** (תהלים פו, ב) **הוֹשַׁע 'עַבְדְּךָ' אַתָּה אֱלֹקַי, שַׂמֵּחַ נֶפֶשׁ עַבְדֶּךָ** (שם, ד). **וּכְתִיב** (שם, טז) **תְּנָה עֻזְּךָ לְעַבְדֶּךָ. הָא תְּלַת זִמְנִין אִצְטְרִיךְ לְשַׁוָּאָה גַּרְמֵיהּ עֶבֶד. ○ לְבָתַר לְשַׁוָּאָה גַּרְמֵיהּ גּוֹ אִינוּן דְּמַסְרֵי נַפְשַׁיְיהוּ עַל קְדוּשַּׁת שְׁמֵיהּ, וְהַיְינוּ בְּיִחוּדָא דִּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל. דְּכָל מַאן דְּשַׁוֵּי הָכִי רְעוּתֵיהּ בְּהַאי קְרָא, אִתְחֲשִׁיב לֵיהּ כְּאִלּוּ מָסַר נַפְשֵׁיהּ עַל קְדוּשַּׁת שְׁמֵיהּ.**

KolSatmar.com

אפילו] ביי די עבירות וואָס נאָר יום המיתה איז מְכַפֵּר[ע], - אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש, - מיט דעם וואָס מ׳איז אויף זיך מְקַבֵּל, הייסט עס שוין ווי גלייך ס׳איז שוין געווען חלילה דער יום המיתה. דאָס אַליין, אַז מ׳איז אויף זיך מְקַבֵּל.

**קנ**

איבערדעם איז דאָס [די גמרא אין גיטין], דאָס איז די זעלבע [ווי די גמרא אין ברכות].

איבערדעם זאָגט ער אֵין התורה ׳מתקיימת׳ אלא במי ׳שממית עצמו׳ עליה, דאָס איז [די זעלבע ווי] ׳די׳ גמרא [דברכות], וואָס די גמרא זאָגט [אם] לא נְצָחוֹ, אַז די תּוֹרָה האָט נישט גענוצט [איז] יזכיר לו יום המיתה [דהיינו קבלת מסירות נפש, על ידי שיזכיר עצמו מה שקיבל עליו בשעת קריאת שמע, ואז יסורו ממנו כל הנגיעות ויזכה לתורה לִשְׁמָהּ אשר כוחה מתקיימת לעד].

ס׳איז איין זאַך [הגמרא דהתורה מתקיימי במי שממית עצמו, עם הגמרא דיזכיר לו יום המיתה].

**קנא**

**אופן חמישי - בישוב הקושיא בגמרא דגיטין**

איך האָב געקלערט מ׳קאָן ׳נאָך׳ זאָגן אַ הערה, [בביאור הגמרא גיטין] אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.

**קנב**

מבואר בתנחומא פרשת צו, כי חייב אדם לתת כל ממונו עבור ׳לימוד׳ התורה לעצמו ולבניו

[דהנה] דער מדרש תנחומא זאָגט אין פרשת צו[עא], - איך האָב עס נאָכגעזאָגט דאָס פאָריגע מאָל[עב], - שֶׁחַיָּב אָדָם לִתֵּן כָּל מָמוֹנוֹ ׳לִלְמֹד׳ תּוֹרָה, לְעַצְמוֹ וּלְבָנָיו. פאַר [לימוד] תּוֹרָה מוז מען אַוועקגעבן [אַלעס] וואָס מ׳פאַרמאָגט.

**קנג**

וכל שכן כשנוגע ׳לקיום׳ התורה, שאין לוותר על זה בשביל שום ממון בעולם

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה, אַז קיין געלט טאָר נישט שטיין אין וועג, הֵן פאַר זיך אַליין [וְהֵן לבניו], וואָס ס׳פעלט אויס צו ׳קִיּוּם׳ הַתּוֹרָה, לְעַצְמוֹ וּלְבָנָיו, איז נישט פאַרהאַנדן קיין געלט [לעכבו].

**קנד**

ומי שמקיים זאת ונותן ״כל ממונו״ ללימוד התורה ולקיומה, ונעשה עָנִי, הרי אמרו בגמרא דעני חשוב כמת, וכמו שלמדו כן מהפסוק כִּי ׳מֵתוּ׳ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים אֶת נַפְשֶׁךָ, דפירושו שירדו מנכסיהם

[והנה אם נותן] כָּל מָמוֹנוֹ [לתורה], ווערט מען דאָך אַן אָרימאַן.

[און] אַז מ׳ווערט אַן אָרימאַן [חשוב כמת, ווי] די גמרא זאָגט[עג] [מהפסוק] כִּי ׳מֵתוּ׳ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים אֶת נַפְשֶׁךָ (שמות ד, יט), [דהכוונה] שֶׁיָּרְדוּ מִנִּכְסֵיהֶם, אַזוי זאָגט דאָך די גמרא אין נדרים.

---

[ע] כמבואר בגמרא יומא (פו.). וכבר הובא גם זה בס״ג פרה (על אות עה, בתוך לשון הייטב פנים).

[עא] בתנחומא צו (סימן יד): למה אמר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה (צו ו, ב) ירצה לומר קריאת תורה, ראו כמה חביבה קריאת תורה לפני הקב״ה, כי יש חיוב באדם לתת כל ממונו ללמד תורה לעצמו ולבניו, שנאמר (שם) צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו ׳לֵאמֹר׳, כלומר שיאמרו לבני ישראל ויתעסקו בקריאת העולה וכו׳.

[עב] בליל ש״ק צו זכור תשכ״ז. ונדפס בדברי יואל צו (עמוד קח) עיי״ש. וכן הזכיר רבינו זה בקצרה במסיבה א׳ ויצא תשכ״ז (לשון קדשו ריג ח״ב, אות קכה).

[עג] בגמרא נדרים (סד:): ועוד אמר רבי אליעזר פותחין בנולד [שפותחן פתח חרטה בהתרת נדרים, בדבר הנולד לאחר מכן] כו׳. מאי טעמא דרבי אליעזר, אמר רב חסדא דאמר קרא כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים, והא מיתה דנולד הוא, מכאן

KolSatmar.com

איך קען נישט זאָגן [דהכוונה] עפּעס אַנדערש, וואָרן זיי [דתן ואבירם] זענען דאָך נאָך געווען [בעולם], וואָרן [כל מקום שנאמר] נִצִּים וְנִצָּבִים איז דאָך דתן ואבירם, וואָס דען איז ׳מֵתוּ׳ כָּל הָאֲנָשִׁים, [אלא שירדו מנכסיהם. וכיון שנעשו עניים] רופט עס שוין אָן דער פסוק כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים.

אַז ער איז געוואָרן אַן אָרימאַן, הייסט שוין [בלשון] ׳מֵתוּ׳ כָּל הָאֲנָשִׁים.

**קנה**

וזהו שאמרו אֵין התורה מתקיימת אלא במי ׳שממית׳ עצמו עליה, היינו שעושה עצמו עָנִי ויורד מנכסיו, ליתן כל ממונו עבור התורה, וכל שכן שלא יעשה פשרות בקיום התורה מפני ממון. והכוונה כי רק באופן זה יכול ׳להתקיים׳ התורה בישראל, כשאין שום ממון עומד לנגדו בנוגע לקיום התורה

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה [אין] אַ דְרַשׁ קען מען זאָגן [כך, לפרש לשון מיתה על עניות. ובזה יתפרש דרשת הגמרא] אֵין התורה מתקיימת אלא במי ׳שממית׳ עצמו עליה, אַז מ׳קוקט נישט אויף קיין געלט, דאָס אַליין קען זיין [נקרא ״שממית״ עצמו, וכמו שמצינו בקרא] דאָס הייסט [בלשון] מֵתוּ.

די גמרא זאָגט דאָך אַזוי בפירוש אין נדרים, ס׳איז גאָר אַ פסוק כִּי ׳מֵתוּ׳ כָּל הָאֲנָשִׁים, און ׳דאָס׳ [המימרא דגמרא גיטין] איז דאָך נאָר אַ דְרַשׁ [בלשון הפסוק זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם] כִּי ׳יָמוּת׳ בְּאֹהֶל, קאָן מען דאָך אַוַדְאַי זאָגן אַז ׳דאָס׳ איז דער מְכֻוָּן.

**קנו**

אָבער אַזוי ווי ס׳איז פאַרהאַנדן די וואָס זיי ׳פאַרקויפן זיך׳ נעבעך, ווייל מ׳דאַרף ׳האָבן׳ [געלט, און] פאַר ׳געלט׳ איז מען אָנגעוויזן פאַר די וועלט, [ווייל] מ׳האָט מוֹרָא פאַר ׳שאָדן׳, און [זיי זאָגן] מ׳דאַרף עס האָבן ׳פאַר תּוֹרָה וועגן׳ דאָס געלט.

**קנז**

אָבער ס׳איז נישט פאַרהאַנדן [שיהא קיום להתורה באופן כזה].

דער ׳קִיּוּם הַתּוֹרָה׳ איז נאָר, אַז קיין געלט שטייט נישט אין וועג. אפילו ׳מֵמִית׳ עַצְמוֹ, אפילו [ס׳איז] חס ושלום דאָס ׳גרעסטע עֲנִיּוּת׳.

[און] דערנאָך העלפט דער באַשעפער, אַז די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט אַ ׳קִיּוּם׳.

[אָבער] טאָמער פאַרבייגט מען עפּעס פון די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, פאַר מָמוֹן אָדער כְּדוֹמֶה, ׳די׳ תּוֹרָה האָט שוין קיין קִיּוּם נישט.

**קנח**

ישוב קושיית היפ״ת ונזה״ק - במדרש רבה בראשית

לפי כל האמור יוצא, כי העצה שיוכל לבוא לידי לשמה כשמתגבר עליו תאות הגוף והיצר הרע, הוא על ידי הזכרת יום המיתה, ועל ידי קבלת מסירות נפש בשעת קריאת שמע

עַל כל פנים לאָמיר צוריקגיין צום פריערדיגן [פְּשַׁט, שהוא אופן ׳הרביעי׳ בגמרא דגיטין], אין פַּשְׁטוּת מֵמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ מיינט מען אַזוי ווי ער זאָגט [בגמרא דברכות], דעם פְּשַׁט [שביארנו בכוונת אומרם] יזכיר לו יום המיתה.

---

שפותחין בנולד. ורבנן מאי טעמייהו, קסברי הנהו מי מייתי, והא אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי כל מקום שנאמר נצים ונצבים אינן אלא דתן ואבירם, אלא אמר ריש לקיש שירדו מנכסיהן וכו׳. ○ ותניא ארבעה חשובין כמת, עני, ומצורע, וסומא, ומי שאין לו בנים. עני, דכתיב כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים. מצורע, דכתיב (בהעלותך יב, יב) אַל נָא תְהִי כַּמֵּת. וסומא, דכתיב (איכה ג, ו) בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם. ומי שאין לו בנים, דכתיב (ויצא ל, א) הָבָה לִּי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי. [וכעין זה הוא בגמרא עבודה זרה (ה.) עיי״ש. וכן מפרש רש״י בפרשת שמות (ד, יט) בביאור זה הפסוק].

**קנט**

היצט לאָמיר צוריקקומען צו דעם, [צו] פאַרענטפערן די קַשְׁיָא וואָס זיי פרעגן [ביפה תואר ונזר הקודש, על המדרש בפרשת בראשית **דנמצא עשייתן שלא לשמה**].

**קס**

היצט לאָמיר'זשע זען.

עַל פִּי פָּשוּט רעכנט דאָך די גמרא [דברכות אויס, אַז ווען] מ'דאַרף בייקומען דעם יֵצֶר הָרַע, אַז ס'נוצט נישט קְרִיאַת שְׁמַע, מוז מען **הָאֶבֶן הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה**.

און אַזוי ווי איך האָב געזאָגט פריער פְּשַט, פאַרוואָס זאָגט ער דאָס [רק באופן של 'ואם לאו'], פאַרוואָס זאָגט ער נישט 'גראָד' דעס. פאַרוואָס, ווייל דאָס איז אַלעס [נאָר] פאַרדעם, כדי די **תּוֹרָה זאָל זיין לִשְׁמָהּ**.

**קסא**

וממילא תו לא קשה מה שאמרו במדרש דלכן נגזר גזירת מיתה, כדי שלא יהא **נמצא** עשייתן **שלא** לשמה. דמה שאמרו לעולם יעסוק אדם **אפילו** שלא לשמה, הוא רק כשיוכל אחר כך להגיע לידי לשמה, והוא על ידי הזכרת יום המיתה, אבל אם לא היה גזירת מיתה לא היה שייך הזכרת יום המיתה, ושוב לא היו יכולין להגיע לידי לשמה

היצט לאָמיר'זשע זען.

היצט איז שוין פאַרענטפערט [דברי המדרש בפרשת בראשית].

די גמרא זאָגט [טאַקע אַז] **לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ שמתוך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ**, [אָבער] דאָס איז רעכט [ווען ס'איז] א זאַך וואָס איך פאַרלאָז מיך אויף דעם, ווייל ס'איז שכיח **מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ**, פאַרוואָס [איז עס שכיח], ווייל מ'האָט דאָך אַן עֵצָה ווי די גמרא זאָגט [כי] אַז ס'איז לא נָצְחוֹ חלילה, אַז ס'איז **שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ**, [איז די עצה] **אָדער קריאת שמע, אָדער אַז נישט, האָט מען** [אַן עצה] **מיט הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה**.

**קסב**

ווי דער **ערבי נחל** טייטשט[עד] [בנוסח הסליחות לערב ר"ה] (סליחה לב), **אָדָם אֵיךְ יִזְכֶּה**, וויאַזוי קאָן מען זוֹכֶה זיין, אַז ס'איז **בְּכָל יוֹם לַמָּוֶת מְחַכֶּה**, מיט די הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה מיט דעם איז ער זוכה, אַז בְּכָל יוֹם לַמָּוֶת מְחַכֶּה. - אַזוי טייטשט דער **ערבי נחל**.

---

[עד] **בערבי נחל פרשת כי תצא** (שנת תקס"א): על פי מה שאמרו רז"ל (סוכה נב.) **יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום**, אמרם ז"ל 'יצרו של אדם', ולא אמרו 'יצר הרע' מתגבר על האדם, אולי יפורש כי נודע שיש שני מיני יצר הרע, האחד הוא המלאך המסית אשר לזה נברא וזהו מלאכתו וכו', הענין ע"פ מה שאמרו רז"ל (שם) כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו, והיינו כי הלא לא ברא השי"ת את היצר הרע אלא כדי שיהיה בחירה ושיתן שכר, ואמנם היצר הרע היה מבטל הבחירה ומטהו לרע לרוב פיתויו, והיה רחוק משכר ועלול להפסד, רק שאמר השי"ת (קידושין ל:) **בראתי היצר הרע בראתי לו תורה תבלין**, שהתורה מדחה היצר הרע, ולכן האדם עומד בין המשפתים, כי היצר הרע מטהו לרע, והתורה מטהו לטוב, ונשאר עומד על בחירתו. לכן לא ניתן רשות להיצר הרע לפתות לאדם אלא כערך התורה שבו, דאם לא כן בטלה הבחירה, ולכן כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו וכו'. ○ אבל יש מין יצר הרע השני שהוא תאות הגוף מצד עצמו, מצד היסודות, וכמ"ש הרח"ו (בשערי קדושה) איך מכל יסוד נמשך תאוה אחרת, וכאשר אין האדם מחליש כחם אזי מתגברת התאוה יותר מכדי כח ושכל האדם, עד שלא יוכל להלחם נגדו מצד עצמו אם לא מצד עזר השי"ת, ולכן אמר יצרו של 'אדם' דייקא, ר"ל היצר של האדם עצמו, שמצד יסודות גופו, מתגבר עליו דייקא, רצ"ל שגובר יותר מכדי כח אשר ביד האדם להלחם נגדו, משא"כ היצר הרע הראשון שאין לו רשות להתגבר יותר מן כחו של האדם, אבל זה מתגבר, ולכן צריך לזה עזר מן הקב"ה ודו"ק, ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו (סוכה וקידושין שם).

ואם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו יעסוק בתורה, כי בראתי לו תורה תבלין, אי אזיל מוטב, ואם לאו יקרא קריאת שמע שיש בו עול מלכות שמים ומטיל יראה ואהבה על האדם, אי אזיל מוטב, ואם לאו יזכיר לו יום המיתה ע"כ (בברכות ה.). **ויש לדקדק דמשמע דיזכור לו יום המיתה ודאי מועיל, והרי באמת יצוייר שגם זה אינו**

KolSatmar.com

**קסג**

איבערדעם איז דאָס דער פְּשַׁט קען זיין. 'ווייל' ס'איז דאָ הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה, ממילא קאָן מען צוקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אפילו ווען ס'איז [התחלתו] שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.

אָבער אלמלי ווען ס'העט נישט געווען קיין מִיתָה, העט דאָך 'די עֵצָה' שוין נישט געווען. און אַז דעס איז טאַקע נישטאָ, העט מען גיווען שווער צוגעקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, העט מען זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן מ'זאָל לערנען תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ [על סמך שמסתמא יבא לידי לשמה], איבערדעם [ווייל דער] מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ איז א ווייטע זאַך ווען ס'איז נישטאָ 'די עֵצָה' וואָס די גמרא פירט אויס, יַזְכִּיר לוֹ יוֹם הַמִּיתָה.

**קסד**

איבערדעם איז רעכט. דאָס זאָגט דער מדרש [בפרשת בראשית] אַז מ'האָט נישט געקאָנט זאָגן אַז צַדִּיקִים יִחְיוּ און רְשָׁעִים יָמוּתוּ, וואָרן ס'וועט זיין שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.

איי מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.

דאָס איז רעכט [נאָר] היצטערט, ווייל ס'איז דאָ דער יוֹם הַמִּיתָה. אָבער ווען ס'העט טאַקע נישט גיווען געווען קיין יוֹם הַמִּיתָה, און אַז ס'איז נישטאָ די עֵצָה פון יַזְכִּיר לוֹ יוֹם הַמִּיתָה, העט מען שווער גיווען צוגעקומען צו לִשְׁמָהּ, העט מען נישט געטאָרט שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ לערנען, העט מען טאַקע נישט געטאָרט.

הייִנט מעג מען לערנען שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, ווייל אַ תַּלְמִיד חָכָם וואָס ער וויל זיך בֶּאֱמֶת צוברעכן און ער וויל צוקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, זוכט ער דאָך די עֵצָה וואָס שטייט אין די גמרא, קאָן מען אפשר - כּוּלֵּי הַאי וְאוּלַי - צוקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. קאָן זיך טרעפן [מי שיבוא לזה], אויך נישט יעדער[עה]. קאָן זיך טרעפן אַז מ'קומט צו לִשְׁמָהּ.

אָבער ווען נישט דאָס [לא היה שכיח שיבואו לידי לשמה, ולא היה אפשר להתיר ללמוד שלא לשמה, ולא היה קיום לתורה].

איבערדעם איז נישט קיין קַשְׁיָא [על המדרש בראשית] פון דער גמרא [שמתוך שלא

---

מועיל, וכמאמרם ז״ל (שבת לא:) על פסוק וְאַחֲרֵיהֶם בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה (תהלים מט, יד). אלא הענין מבואר בראשית חכמה (עי׳ שער הענוה פ״ה), כי באמת אין די בהזכרה בפה ולבו בל עמו, אלא צריך לצייר נגד פניו ולבו, וידמה בנפשו כאלו מת כבר ובשרו נרקב ועצמותיו מתפזרים ונרקבים, וכאשר יצייר כזאת לפניו, בעת בא אליו תאוה או כבוד אזי בודאי יתבטל הכל ממנו, כי מאחר שמצייר הוא בעיני עצמו שכבר מת זה שנתים ימים ובשרו נרקב, ושאם עומדים לפניו כל מיני תאות וחמדות אין בו הרגשה כלל, או אם יכבדוהו אין פונה אליו, כי אינו יודע ואינו מרגיש, אַךְ בְּשָׂרוֹ עָלָיו יִכְאָב וְנַפְשׁוֹ עָלָיו תֶּאֱבָל (איוב יד, כב), ודאי דבר זה מועיל לבטל כל רע מאתו.

ובזה ביארתי הסליחה של ערב ראש השנה, אָדָם אֵיךְ יִזְכֶּה בְּכָל יוֹם לַמָּוֶת מְחַכֶּה. וזה תימה, דאטו משום זה לא יזכה. אלא שהוא בלשון שאלה ותשובה, ששואל אדם איך ובאיזה אופן יזכה, והשיב בכל יום כו׳, שעל ידי זה ניצול מעבירות. ושאל עוד בָּשָׂר מַה יְּדַבֵּר, ר״ל מה יש לו לדבר והשיב וְהוּא מוּבָל [לַקֶּבֶר] כו׳, רצ״ל שידבר ויזכיר דבר זה תמיד, שע״י שמדבר בפיו יכנס הדבר בלבו לזכור היטב, וכמו שפירש התבואות שור (שבת קנ.) פסוק הוֹדִיעֵנִי ה׳ קִצִּי כו׳ (תהילים לט, ה) עיי״ש.

[עה] וז״ל רבינו בפתיחה לאברכים חוה״מ סוכות תשכ״ח (לשון קדשו רו, אות מז-נא): די גמרא זאָגט מִתּוֹךְ 'שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ' בָּא 'לִשְׁמָהּ', זעט אויס אַז דאָס איז שְׁכִיחַ [לעשות שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, שהרי] אַנדערש גייט נישט [דער לִשְׁמָהּ, נאָר דורכדעם] אַז מ'הייבט אָן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ. נאָר 'נישט יעדן' געלונגט אַזוי [לבא לידי לשמה]. ווי איך האָב געזען שטיין ערגעץ (עיין שלה״ק, ווי העמודים פ״ה, בהערה) [אַז] אַסאַך מער געלונגט ס'איז דאָ 'אַזאַ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ' וואָס מ'טאָר נישט, וואָס ס'איז לְקַנְטֵר. דאָס איז דאָך אויך דאָ, און דער "לשמה" [לא שכיח כל כך] וכו׳. האָב איך געזען ס'שטייט ס'איז מער שְׁכִיחַ [אַז] דער שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ [המותר] זאָל ברענגען 'דעם' שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וואָס מ'טאָר נישט, ווי [אַז] ס'זאָל ברענגען דעם לִשְׁמָהּ. נאָר אף על פי כן האָט מען עס 'דאָך' געמוזט מַתִּיר זיין, ווייל אַנדערש וועט מען נישט צוקומען [קיינמאָל צו לִשְׁמָהּ, ולכן התירו זאת] וועגן 'די' אידן וואָס זיי קומען 'דאָך' צי צו אַן ערנסטע כַּוָּנָה, און זיי קומען נישט צי צו 'יענעם' [כוונה הגרוע], האָט מען דאָס געמוזט מאַכן [להתיר שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ].

לשמה בא לשמה]. **וואָרן דאָס איז טאַקע נאָר דערנאָכדעם** [לאחר שיש גזירת מיתה, אָבער] **פריער איז דאָס נישט געוועזן**[עו].

### קסה
### ישוב קושיא כב
ובזה יבואר דברי המדרש פליאה, דבפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם שאלו מלאכי השרת אם כן למה צוית על אדם הראשון בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת

**איבערדעם קאָן מען פאַרשטיין דעם מדרש** [פליאה שבפרשת החודש].

[דהנה הכתוב אומר] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', האָב איך געזאָגט** (באות עה) [פשט, דהנה בתיבת "לכם" הנאמר ביום טוב] **איז דאָך דאָ איין פְּשַׁט** [בגמרא][עז] **לָכֶם לכל צרכיכם, אַז מ'מעג 'אָנהייבן' אפילו פאַר לטובתכם.**

**נו** [לכאורה] **ס'איז דאָך שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ. נאָר** [דער תירוץ איז ווייל] **מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.**

### קסו
דכבר ביארנו בכוונת אומרו הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', דהיינו להנאתכם ולטובתכם, והפסוק מיירי בענין הצפייה על הגאולה אפילו באופן של שלא לשמה. ועל כן שאלו מלאכי השרת (כעין קושית היפ"ת ונזה"ק), דאם כן דהותר גם שלא לשמה, נסתר תירוץ המדרש רבה דנמצא עשייתן שלא לשמה, והדרה קושית המדרש רבה דנימא כי רק הרשעים ימותו והצדיקים יחיו, ולמה נגזרה גזירת מיתה אף על הצדיקים

[דלדרכינו] **קאָן זיין** [אַז] **דער מדרש האָט געלערנט דעם פְּשַׁט** [אין הַחֹדֶשׁ הַזֶּה] **"לָכֶם" אַזוי ווי ס'שטייט ביי יום טוב לָכֶם** [ודרשו לכל צרכיכם]**, אַז ס'מעג זיין לָכֶם, חֶצְיוֹ לָכֶם**[עז].

### קסז
**איי פאַרוואָס טוט מען עפּעס לָכֶם, איז דאָך נאָר דער פְּשַׁט, מוז איך דאָך זאָגן ווייל מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.**

**איבערדעם האָבן זיי געזאָגט** [מלאכי השרת]**, ס'שטייט דאָך רִאשׁוֹן הוּא 'לָכֶם', מעג מען דאָך טון להנאתכם ולטובתכם, איז דאָך נאָר ווייל מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ.**

[ולזה שָׁאֲלוּ] **אם כן למה קָנַסְתָּ מיתה על אדם הראשון.**

[שהרי] **דער גאַנצער קְנַס איז נאָר געווען,** [וואָס] **מ'האָט נישט געזאָגט אַז צדיקים יחיו ורשעים ימותו, ווייל מ'וועט טון שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

[והלא] **איך זעה דאָך מ'מעג טון שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ.**

### קסח
ועל זה ענו שרפי הקודש עתיד שיצא בן מִיֹּשַׁי שיאמר רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ וגו', שמזה למדו כל ענין הנזכר בגמרא דברכות, ושבאם לאו יזכיר לו יום המיתה. אבל כל זה הוא רק עתה כשיש גזירת מיתה, אבל אם לא היה גזירת מיתה על כולם, לא היה שייך הזכרת יום המיתה, ונמצא כי עשייתן שלא לשמה 'לעולם', וכתירוץ המדרש רבה

**האָט מען געענטפערט ס'איז נישט אַזוי.**

[ווייל] **עתיד שיצא בן מִיֹּשַׁי שיאמר רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ** [אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם] **עַל מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה,** [דמזה דרשו בגמרא ברכות, כי] **אַז מ'זאָל צוקומען צו די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, צום תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, מוז מען האָבן דעם יום המיתה.**

---

[עו] ועיין בס"ג **חקת תשכ"ז** (לשון קדשו קז ח"ג, אות נז-סח) מה שחזר שם רבינו על כל ענין זה שאמר בכאן בביאור המדרש רבה בראשית, והגמרא דברכות וגיטין. ובזה מיישב שם כמה דקדוקים בענין פרשת פרה אדומה.

[עז] **בגמרא מגילה** (ז:): דתניא אין בין יום טוב לשבת אלא אוכל נפש, רבי יהודה מתיר אף מכשירי אוכל נפש. מאי טעמא דתנא קמא, אמר קרא [הוּא לְבַדּוֹ יֵעָשֶׂה לָכֶם (בא יב, טז)] הוּא ולא מכשיריו. ורבי יהודה, אמר קרא **לָכֶם, לכם לכל צורכיכם**. ואידך נמי הכתיב לָכֶם, לכם ולא לעובדי כוכבים, **לָכֶם** ולא לכלבים וכו'. [וכן הוא גם בגמרא **ביצה** (כח:)].

ממילא איז שוין נישט קשה דעס וואָס די מלאכי השרת האָבן געפרעגט למה קָנַסְתָּ מיתה על אדם הראשון, [ווייל] ס׳איז טאַקע אֱמֶת [דכתיב] ״לכם״, אָבער דעס איז אַלץ נאָר ווייל ס׳איז דאָ די עצה פון הַזְכָּרַת יוֹם הַמִּיתָה, איבערדעם מעג מען שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, טאַקע ׳נאָר דורך דעם׳. אָבער אָן דעם, איז דאָס נישט געווען טאַקע. איז דאָך שוין די קשיא נישט קשה למה קנסת מיתה על אדם הראשון.

**קסט**

אמנם לעתיד לבא שפיר יתבטל גזירת המיתה, כי גם היצר הרע יתבטל, ולא יצטרכו עוד להעצה של הזכרת יום המיתה, מכיון שגם בלא זה יעסקו כולם בתורה ומצות במדריגת לִשְׁמָהּ

**אָבער לעתיד** ווען ס׳וועט זיין [נתבטל היצר הרע], **וועט טאַקע יעדער טון לִשְׁמָהּ**[עח], און ס׳וועט נישט זיין דער חֲשַׁשׁ, [נאָר] ס׳וועט זיין **בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח** (ישעי׳ כה, ח).

[ווייל] ס׳וועט זיין **תִּתְרַבֶּה הַדֵּעָה**[עט], [וממילא] **וועט זיך דאָס אויפהערן די אַלע מְנִיעוֹת, מיט די אַלע תַּאֲווֹת, אַלעס וועט זיך אויפהערן.**

רכג

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע:

מ׳זאָל מיר זוכה זיין טאַקע ס׳זאָל זיין דער **אֱמֶת׳דיגער הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וגו׳ רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם**, ווי דער פסוק האָט דאָ אויסגערעכנט, אויף דעמאָלטס און אויף לעתיד, **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, דאָס איז אַ חוֹדֶשׁ שֶׁל שִׂמְחָה.**

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע אין ניסן זאָל עס זיין [עתה בזה החודש, ולא שנמתין עוד עד חודש אחר באופן שיצטרך להחליף את הזמנים באמצע השנה להתהוות ניסן, כדברי הנזר הקודש (וכדלעיל באות ע, ואות קח)].

**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין ס׳זאָל טאַקע זיין ״הַזֶּה״, הַחֹדֶשׁ ׳הַזֶּה׳ לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, ס׳איז שוין דורכגעגאַנגען בעונינו הרבים אַסאַך נִיסָן׳ס און ס׳איז שוין געווען די **עכסטע צייט** [מ׳זאָל שוין געהאָלפן ווערן], **ס׳איז שוין אַוודאי די העכסטע צייט, ס׳זאָל היצט טאַקע זיין שוין הַחֹדֶשׁ ׳הַזֶּה׳, אַז ׳דער׳ חוֹדֶשׁ זאָל עס זיין, ׳דאָס׳ זאָל עס זיין טאַקע דער רעכטער חוֹדֶשׁ,** [וואָס] **אויף דעם האָפט מען.**

מ׳זאָל מיר בִּמְהֵרָה געהאָלפן ווערן, מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו די **שִׂמְחָה אֲמִתִּיִּית, בִּקְדוּשָׁה וּבְטַהֲרָה.**

[און] **ביז דערווייל זאָל מיר זוֹכֶה זיין מ׳זאָל מיר טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, פאַר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.**

**מ׳זאָל מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּנַחַת וּבְשִׂמְחָה, בִּקְדוּשָׁה וּבְטַהֲרָה. בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

---

[עח] וכמבואר לעיל (באות קו) בביאור הפסוקים בְּשׁוּב ה׳ אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וגו׳.

[עט] וכלשון הרמב״ם (תשובה ט, ב) המובא לעיל באות פא.

KolSatmar.com